דאס איז איינע פון די וויכטיגסטע זאכן אין טעראפי, צו זיכער מאכן אז מ'בלייבט נישט שטעקן אין די עקסטאז וואס הערשט זעענדיג א בעסערע צוקונפט, נאר צו בלייבן אביעקטיוו, און האלטן אן אויג צו זען וואס ס'האט געהאלפן, און וואס ס'האט געריקט פון אלף צו בית.

### בלויז מיט א דעת תורה

ס'איז איבריג צו זאגן אז אין לויף פון פירן א דיאלאג צווישן מאן און ווייב קען אויסקומען מערערע הלכה שאלות, יעדער טעראפיסט וועט האבן אן אייגענע דעת תורה מיט וועמען איבערצוגיין קאמפליצירטע שאלות אין לויף פונעם וועג, אין געוויסע פעלער וועט דער קליענט בעטן אז מ'זאל נוצן זיין אייגענע דעת תורה מיט וועם ער שפירט מער באקוועם, אבער דאס איז אמאל זיכער אז ווען מ'רעדט פון אזעלכע סענסעטיווע נושאים פארלאנגט זיך מ'זאל זיין זייער געווארנט צו זיין אין פארבינדונג מיט א דעת תורה אויף טריט און שריט.

די דעת תורה וועט אויך ווערן אריינגעמישט ווען עס מאכט זיך ליידער אז מ'זעט נישט קיין וועג פאראויס, מ'זיצט מיט א פארפאלק וואס אלע וועגן זענען דורכגעפאלן, און מ'זעט ווי די איינציגסטע וועג איז ליידער די מהלך אויף וואס די מזבח פארגיסט טרערן, און מ'דארף זיך חלילה אפטיילן. אזא נושא וועט אודאי נישט קענען געמומען ווערן אויף די פלייצעס פון א טעראפיסט, און עס וועט מוזן ווערן באהאנדלט מיט א דעת תורה. ■

> וואס ביי איינעם איז לעבנ'ס וויכטיג איז ביים צווייטן גענצליך איבריג.



קומט מען צום טעראפיסט, אפגעזען וואס ס'איז געווען די גורם וועט די הויפט ארבעט זיין ארייצוקוקן אין די אייגענע לעבן, און העלפן עפענען א פראדוקטיווע דיאלאג צווישן מאן און ווייב, וואס זאל נענטער ברענגען די צוויי ווערלטן מיט די כח פון קאמיוניקאציע.

א טעראפיסט איז נישט קיין מלאך, און ער וועט דעריבער שטענדיג אריבערגיין סופערוויזשן. דאס מיינט אז ער וועט איבערגיין זיינע אפענע פיילס, און אנגעבן פאר דעם סופערווייזער די מהלך וואס ער האט גענומען צו באהאנדלען דעם און דעם פאל, כדי צו זיכער מאכן אז ער בלייבט אומפארטייאיש, און ער בלייבט אינדרויסן פון סיי וועלכע דילעמעס, ער זאל נישט ווערן עמאציאנאל פארמישט צו נעמען זייטן, און בלייבן שטעקן אין געוויסע געפילן וואס בלאקירן אים פון קענען זען די ברייטע בילד.

אין די זעלבע צייט איז וויכטיג צו באטאנען, אז דאס אלעס ווערט געטון מיט די גרעסטע סענסעטיוויטעט עס זאל נישט ארויסרינען סיי וועלכע אינפארמאציע, אפילו מיט דעם סופערווייזער וועט נישט זיין קיין נושא צו רעדן וועגן נעמען, מ'וועט נאר רעדן פון די תכלית, צו פארזיכערן אז מ'איז אויף די גוטע שינעס.

דער טעראפיסט וועט אוועקשטעלן א זאנע וואס איז פריי פון דזשאדזשמענט, דאס הייסט אז מ'זאל נישט דארפן מורא האבן צו רעדן וועגן די ווייטאג, מ'זאל נישט דארפן מורא האבן צו רעדן וועגן וואס ס'ליגט אינעווייניג, אויס זארג וויאזוי די לעבנ'ס שותף וועט אנקוקן די ווערטער. דער טעראפיסט וועט זיין אינדערצווישן, און וועט מיט זיין ערפארונג פארזיכערן אז די דיאלאג ווערט געפירט פראפעסיאנאל, און עס זאל זיין בלויז מיט די מטרה צו בויען די באציאונגען ווייטער.

עס וועט אויסדריקליך נישט זיין קיין סעסיע צו טרעפן א געלעגנהייט ווען צו הייסן דעם לעבנ'ס שותף אנהייבן טון דאס און יענס, ווייל דאס האט מען שוין געטון אינדערהיים און ס'האט נישט געארבעט, עס וועט ליבערשט זיין א פלאץ וואו בייגדע וועלן מרצונם הטוב אנהייבן אריינטראכטן אין זיך אליין, פרובירן ארויסברענגען די אייגענע כוחות, און פרובירן אנהייבן לייגן מער געוויכט אויף צו קענען זיין די בעסטע לעבנ'ס שותף. אין אנדערע ווערטער די נושא וועט זיין 'זיך אליינס'.

אין אויסנאם פעלער, ווען מ'האנדלט מיט אביוסיוו פעלער רח"ל, וועט מען ארבעטן אויף אן אנדערע מהלך, אבער ביי מער ווי ניינציג פראצענט פעלער, ווען מ'רעדט פון געזונטע מענטשן, איז די ארבעט צו בויען א געזונטע דיאלאג צווישן מאן און ווייב, וואס וועט בעזר השם זיין די ערשטע עפענונג זיך צו קענען אנהייבן ריקן ווייטער אין לעבן.

## עס ברעכט דורך ווענט

איידערן קומען צו טעראפי האט זיך אין מח געקעגט אויפבויען א הויך-שטאקיגע געביידע, געבויט מיט ציגל, וואס איז אלעס געווען פארמירט דורך די אייגענע מחשבה, ווייט אוועק פון רעאליטעט.

מיטן אנהייבן טון די ערשטע שטאפל, און זיך עפענען צו א געמיינזאמע פראדוקטיווע דיאלאג, וועט געשען א רייע אויפשאקלונגען, ערשטנס וועט אנהייבן אריינקומען קלארקייט וואס וועט אראפווארפן אסאך געביידעס אין מח.

עס וועט אויך ציינגן די אויסטערלישע קראפט וואס קאמיוניקאציע טראגט מיט זיך, אפילו גאר שווערע אישוס וואס האבן אויסגעקוקט אוממעגליך צו ווערן געלעזט, וועלן מיטאמאל טויישן קאלירן, און אנהייבן ציינגן בייגזאמקייט, מיט גוטע האפענונגען צו קענען זען א טויש.

אין די זעלבע צייט וועט די אויסטערלישע מתנה פון קאמיוניקאציע אנהייבן נענטער ברענגען איינער צום צווייטן, זיך בעסער צו פארשטיין, און עס וועט טיפער מקשר זיין דאס פארפאלק, וואס דאס איז דאך די תכלית.

מ'וועט פולשטענדיג ארויסקריכן פון די אייגענע באקס און אנהייבן קאנעקטן צו דעם לעבנ'ס שותף, מ'וועט מיטאמאל אנהייבן פארשטיין די באדערפענישן און געפילן פון דעם לעבנ'ס שותף, מ'וועט אנהייבן באגרייפן וויאזוי זאכן האבן זיך פארמירט, און די אינטערליגנדע שרשים.

מ'וועט אויך אנהייבן טיפער באגרייפן די כעמיסטרי צווישן מאן און ווייב, וואס טוט טראנספארטירן געפילן איינער צום צווייטן, ביז היינט ווען מ'איז געווען אזוי פארנומען צו טראכטן וועגן



די לעבן נאך די חתונה ברענגט א רייע אויפגאבעס, פון פירן א שטוב ביז ברענגען פרנסה, עס זענען דא טעג וואס זענען לייכטער און טעג וואס זענען מער איבערגעשטרענגט, סטרעס קען ארויסציען דעם מענטש פון די גלייזן, און עס קען ברענגען שוועריגקייטן וואס קען אויסקלאפן אין שטוב.

### פארלאנגט זיך טעראפי?

ביים אריבערגיין שוועריגקייטן אין שטוב באגלייט מיט הארץ-ווייטאג. וועט זייער אפט ארויפקומען די פראגע אין קאפ וואס וועט פרעגן פון זיך אליינס: 'דארפן אונז גיין צו א פארפאלק טעראפיסט?' ווען א קעגנזייטיגע מחשבה וועט שרייען: 'ניין', מ'קען עס אליין מסדר זיין, און אלעס וועט ווערן וועקגעשטעלט.

צו זיין אויפריכטיג, אין זייער אסאך פעלער קען מען זיך טאקע שיין וועקשטעלן אן דארפן גיין צו א פארפאלק טעראפיסט, אמאל קען מען הערן א גוטע שיעור, לייענען א ביכל, מיטהאלטן איינע פון די מערערע קורסן וכו', אבער אין די זעלבע צייט איז אויך זייער וויכטיג צו זיין אמת'דיג מיט זיך אליינס.

מ'דארף זיך פרעגן וויפיל צייט איז שוין אריבער זינט ווען די מחשבות שלאגן זיך ארום צי מ'זאל זיך יא אדער נישט גיין אויסשמועסן מיט פראפעסיאנאלן.

טעראפי איז מיסודו נישט עפעס וואס בייסט, אויב איז דא א געפיל אז מ'דארף אהינגיין איז עס אין מערסטנס פעלער די בעסטע שריט וואס מ'קען טון פאר די אייגענע וואוילזיין און פאר די וואוילזיין פון די משפחה

ס'מוזן נישט פליען טעלערס אז מ'זאל דארפן אנהייבן נעמען אין באטראכט צו גיין באזוכן א טעראפיסט, ווען זאכן זענען סטאביל איז אייביג די בעסטע צייט זיך צו גיין העלפן, וואס גייט שוין דער טעראפיסט טון? ער וועט זיך בלויז ארייננטון אין די צושטאנד צווישן מאן און ווייב, און זען וויאזוי ער קען נוצן זיין ערפארונג אין דעם תחום מיט וואס צו קענען העלפן דאס פארפאלק ארויסקריכן פון די צעמישעניש, און בעזר השם אנקומען צו די בעסטע פלאץ אין לעבן.

אין אנדערע ווערטער, ס'איז א שאד צו מאכן א ריזיגע נושא פון גיין צו טעראפי, ס'איז טאקע א דרייסטפולע שריט צו באשליסן אז מ'גייט גיין באזוכן א טעראפיסט, אבער אין די זעלבע צייט איז עס נישט עפעס קיין ריזן שוועריגקייט, ס'איז בלויז א וועג מיט וואס צו קענען אוועקנעמען די בלאקאדעס אין לעבן, און בעזר השם אויסקלארן די וועג זיך צו קענען ריקן פאראויס.

### זיך אויסקלארן

דער פארפאלק טעראפיסט האט אויפגעבויט יארן ערפארונג איבער א רייע שוועריגקייטן וואס קענען זיך מאכן אין לעבן מיט א לעבנ'ס שותף, ער איז בכלל נישט דא מיט קיין אגענדע צו נעמען זייטן אדער אונטערברענגען איינעם, דאס איז נישט זיין ארבעט חלילה. ער איז דא מיטן ציל צו אבזערווירן די שטיינער אויפן וועג, און נוצן זיין פראקטיצירונג צו אויסקלארן די נושא.

ס'וועט נישט זיין קיין ענין פון טאדלען צו באשולדיגן איינער דעם צווייטן, נישט פאר דעם

# א לעכטיגע אידישע שטוב

‘א אידישע שטוב’ איז הייליג און טייער וואו די שכינה קען רוען, א שטוב וואו עס הערשט שלום בין איש לאשתו איז לעכטיג און הייליג, און איז דער יסוד פאר א לעבן מיט הצלחה.

אלעס אין לעבן איז אנגעוואנדן וויאזוי עס גייט צו אינדערהיים, א מענטש קען האבן אלעס אין דער וועלט, אבער אויב אינדערהיים וועט דער מצב נישט זיין אזוי פויגלדיג וועט ער שפירןליידיג, און ער וועט גארנישט האבן פון אלעס אנדערש וואס ער האט.

ס'איז העכסט פארשטענדליך און זייער נארמאל, אז צו קענען צוזאמשטעלן א מאן און ווייב פון אנדערע פאמיליעס איז עפעס וואס פארלאנגט זיך גאר אסאך, ס'איז נישט קיין דרוק מיט א קנעפל, און ס'איז נישט קיין וועג פון איבערנאכט, פון איין זייט ליגט אין דעם די לעבן - צו האבן א גוטע שלום בית און א לעבן מיט פארשטענדעניש איז עפעס וואס איז ממש די שליסל צו לעבן, פון די אנדערע זייט איז אבער קלאר אז ס'איז זייער לייכט זיך צו פארפלאנטערן, און ס'איז זייער ערווארטעט אז פארפעלקער זאלן דארפן ארויסגיין זוכן הילף, זיך צו קענען אויסקלארן אויף צו וויסן וויאזוי צו לייגן די קומענדיגע טריט

מאן און ווייב קומען פון אנדערע פאמיליעס, ביידע האבן געזען א וועלט איידערן אנקומען צום שידוך שליסן, ביידע קומען מיט זייער

אייגענע קוק-ווינקל, זעענדיג די וועלט גענצליך אנדערש איינער פונעם צווייטן, וואס ביי איינעם איז נארמאל איז ביי צווייטן אבסורד, און וואס ביי איינעם איז לעבנ'ס וויכטיג איז ביים צווייטן גענצליך איבריג, און אזוי גייט די ליסטע ווייטער און ווייטער.

דורכאויס די לעבן ביזן ווערן ערוואקסן האבן ביידע געקענט אריבערגיין שוועריגקייטן, מיט די מעגליכקייט צו איבערלאזן אונטערליגנדע טראומאטישע איבערבלייבענישן, אמאל מיינט מען אז די לעבנ'ס שותף איז דער וואס טוט פארשווערן אין הארצן, אבער ווען מ'וועט אריינקוקן טיף אינערליך וועט מען טרעפן אז די שוועריגקייט קומט נאך פון יארן צוריק, ס'איז קיינמאל נישט געווארן ערהוילט, לעבנדיג יעצט מיט די לעבנ'ס שותף גיט די אנשטעל אז די אישו זאל געשאפן ווערן פון די לעבן נאך די חתונה.

ביז די חתונה האט מען אין א געוויסן זין געלעבט אין די אייגענע ד' אמות, פון וואס מ'האט נישט עכט געדארפט ארויסגיין, אין מח האט זיך אלעס געדרייט ארום זיך, און ס'איז נישט געווען קיין עכטע פליכט צו דארפן ארויסקוקן פון די אייגענע פענסטער אין מח, דאס ברענגט אז מ'זאל אמאל זיין צו שטארק פארטיפט אין די אייגענע קוק-ווינקל, און מ'זאל נישט וויסן וויאזוי אריינצוברענגען נאך א קוק-ווינקל אין מח.

> יעדער טעראפיסט וועט האבן אן אייגענע דעת תורה מיט וועמען איבערצוגיין קאמפליצירטע שאלות אין לויף פונעם וועג.

אפן מיט די מציאות, די בני בית ווערט אסאך מער ארויפקוקן ווען זי ווערט זען אפנקייט, ווי איידער פארלוירנקייט פון די מציאות.

## 3. פיזישע איבונגען

מאכן פיזישע איבונגען איז גאר וויכטיג אין א צייט ווען די מאראל איז נידריג, ס'איז אייביג געזונט, אבער ווען עס קומט א צייט וואס די ענטוזיאזם איז נידריג, די חשק אויפצושטיין איז נידריג, די ענערגיע איז אויסגעטריקנט, איז זייער לייכט אריינצופאלן אין א שטיקל דעפרעסיע חלילה, וואס וועט פארשטאטערן די גאנצע פלייס פונעם טאג.

דאס זיך רירן וויניגער וועט צוברענגען אז די גיסטע זאל ווערן נאך שוואכער, דאס וועט צוברענגען אז מ'זאל זיך רירן נאך וויניגער, און דאס ווערט ווי א צירקל וואס דרייט זיך וויטער און וויטער, פון די פינאנציעלע שוועריגקייט קען זיך פארמירן א דעפרעסיע, וואס וועט נאר שווערער מאכן דער מצב.

די בעסטע און מערסט-ווירקזאמסטער מיטל וויאזוי דאס צו אפשלאגן, איז מיטן נעמען די לעצטע ביסל כוחות און גיין מאכן פיזישע איבונגען, דאס וועט אריינבלאזן א פרישע גייסט, און אויפהייבן די געמוט צו א שטאפל העכער. מ'קען עס טון אויף א געשמאקע וועג, ווי כאפן א גוטע שווים, רייזן אויפן ביציקל, צי גאר כאפן א גוטע רקידה, דער עיקר איז, אז מ'זאל נעמען די צעקלאפטע גוף, און עס אויפלעבן מיט פרישע פיזישע כוחות.

אן אינטערעסאנטע שטיקל ריסוירטש איז געווארן ארויסגעגעבן אין יאר 2019 למס', וואס לויטעט אז אין פאל יעדער מענטש אויפן ערד-קוגל זאל וואקן נאך 15 מינוט צו זייער ביז יעצטיגע רוטין, וואלט די גלאבאלע עקאנאמיע געזען אסטראנאמישע פארדינסטן פון נאך הונדערט ביליאן דאלער אויף א יערליכער פארנעם. דאס וואלט געווארן געטריבן פון מער פראדוקטיוויטעט און וויניגער פעלן פון ארבעט צוליב קרענק.

## 4. זעלבסט באהאנדלונג

זיך זעלבסט באהאנדלען איז נאך א וויכטיגע נקודה צו נעמען אין באטראכט, אין אזא צייט ווען די קרעדיט קארד ביל איז גאר הויך, ס'איז זייער נישט לייכט ווען מ'קען נישט קויפן געוויסע באקוועמליכקייטן צו וואס מ'איז אזוי צוגעוואוינט, און טאקע צוליב דעם איז וויכטיג צו געדענקען זיך אליינס צו באהאנדלען.

ס'איז זייער לייכט אריינצופאלן אין אזא פלאץ וואו מ'שפירט אז גארנישט קומט זיך נישט און גארנישט אינטערעסירט נישט, אבער דייקא אין אזא צייט איז וויכטיג צו טרעפן זאכן וואס טוען בארואיגן דאס געוויסן, און טוען צוריקברענגען די גלאנץ צו די אייגענע עקזיסטענץ, זאל עס זיין א גוט שטיקל מוזיק, זאל עס זיין א רואיגע שפאציר ביים וואסער, יעדער האט זיך זיינע געשמאקע זאכן וואס דארט שפירט מען באפרידיגט און בארואיגט.

אויך קען מען מאכן אן אטעמען עקסערסייז, וואס וועט צוריקברענגען צו זיין פרעזענט און בארואיגן די אנגעצויגענע געוויסן. אטעמען עקסערסייז גייט ווי פאלגנד; מאך צו די אויגן, אטעם אריין דורך די נאז, און צייל, איינס, צוויי, דריי, פיר לאז די פרישע לופט אין די לונגען, און צייל מיט די מח ביז נומער זיבן. דערנאך הייבט זיך אן די פראצעדור פון שטאטלעך ארויסלאזן די לופט דורך די מויל בשעת'ן ציילן ביז נומער אכט.

אזוי גיי אן מיט די אטעמען צירקל איינמאל און נאכאמאל, און פרוביר צו לייגן די געוויכט אויף די אטעם, שטעל אן די מחשבה מיטצוהאלטן ווי די לופט גייט אריין און ארויס. גיי אן אזוי לאנג ביז דו שפירסט אז עס הייבט אן צוריקקומען ישוב הדעת און מנוחת הנפש.

דאס איז נאר איין מהלך וויאזוי צו בארואיגן די אנגעצויגענע מחשבות וואס לויפט אגרעסיוו און וויל זיין איבעראל, אויסער זיין פרעזענט אין די מציאות.

## טראכט גוט וועט זיין גוט

ס'איז וויכטיג אריינצוברענגען גוטע מחשבות אינעם בילד, טראכטן פון וואס מ'האט יא, דאנקען און לויבן אויף אלעס גוטס וואס מ'האט, און געדענקען אז געלט איז נישט אלעס. אודאי וויל מען זען פינאנציעלע הצלחה, ס'איז בכלל נישט לייכט צו לעבן אין אזעלכע דרוק, פונדעסטוועגן איז וויכטיג נישט צו פארשווערן די אזוי אויך שוועריגקייט, ס'איז גענוג שווער וויאזוי ס'איז, און עס איז בכלל נישט וויכטיג צו לייגן מער אויל צום פייער.

עס בלייבט נאר איבער צו האפן צום אויבערשטן, אז אלע אידן זאלן האבן שפע רב, און מ'זאלן נישט דארפן טרעפן חיזוק און מיטלען מיט וואס צו בארואיגן די געוויסן פון רויטע סטראשע בריוון וואס לויפן נאך און פארדרייען די מח. ■

ס'איז א צרת הכלל וואס אזויפיל גייען נעבעך אריבער, אנשטאט זיין פארנומען מיטן זיך אראפרייסן אויף די סיטואציע, דארף מען טון פונקט דאס פארקערטע, מיטשפירן מיט זיך אליינס, און אנהייבן פארשטיין אז מ'גייט אריבער א שוועריגקייט צו וואס עס פארלאנגט זיך אסאך חיזוק, און מ'דארף זיך עס צושטעלן.

די קלוגסטע מענטשן אויפן וועלט גייען אריבער פינאנציעלע שוועריגקייטן, די טאלאנטפולסטע שטערנס גייען אריבער פינאנציעלע שוועריגקייטן. אנשטאט אויסגעבן די פרוסטרירונג מיטן זיך אנהייבן באשולדיגן, איז ראטזאם צו אנהייבן אויסדרייען די מהלך, און אנהייבן כאפן אז מ'גייט אריבער א שוועריגקייט צו וואס מ'דארף זיך געבן אסאך זעלבסט-סופארט.

### 2. לאז עס נישט אין זיך

אין צוגאב צו די עצם שוועריגקייט פון באקומען רויטע ענוועלאפס, קומט מיט א שווערע איינזאמער געפיל, אזוי לאנג ווי מ'האלט עס אין זיך און מ'רעדט זיך נישט אויס דאס הארץ, וועט מיטקומען א געפיל פון פארלוירנקייט, און נישט וויסן וויאזוי צו לייגן די קומענדיגע טריט

די בעסטע מתנה וואס מ'קען זיך זעלבסט געבן אין אזא תקופה, איז צו עפענען דאס הארץ און מויל, און אנהייבן מיטטיילן פאר אנדערע איבער די שווערע מיטמאכענישן, אפגעזען ווער עס זאל נאר זיין, דער רב אין ביהמ"ד, א נאנטער פאמיליע מיטגליד, א גוטער חבר, דער עיקר איז אז מ'זאל עס נישט לאזן אין זיך, נאר ארויסגעבן צו ארומיגע וועלכע וועלן געבן א קלאפ אין פלייצע מיט וואס צו קענען אוועקנעמען די געפיל פון איינזאמקייט און פארלוירנקייט.

אסאך וויכטיגער ווי רעדן צו אנדערע, איז לעבנס וויכטיג צו זיין אפן מיט די בני בית, האלטן די פינאנציעלע שוועריגקייט בסוד פון דער אייגענער לעבנס שותף איז א גרויסער טעות, ערשטנס וועט עס מאכן אז זי זאל נישט וויסן וויפיל געלט ס'איז דא, און צי מ'קען יא אדער נישט אויסגעבן געלט, וואס דאס מאכט שווער פאר ביידע.

באזונדער איז גאר וויכטיג צו באקומען די שטיצע פון די בני בית אין אזא צייט, אנשטאט ארומ'חוש'ן, און זיך אוועקשטעלן מיט שיינע פארבן צו צייגן א בילד אז אלעס קלאפט אויפן בעסטן און שענסטן פארנעם, איז וויכטיג צו קראכן די באבל, און זיין

> ״
> **ס'איז וויכטיג צו געדענקען, אז ס'איז נישט דא פארוואס זיך צו באשולדיגן, מיר זענען מאמינים בני מאמינים, און מיר ווייסן אז אלעס איז אפגעשריבן פון אויבן.**



סטרעס חלילה האבן א נעגאטיווע ווירקונג אויף א ברייטע פארנעם, און שטערן די גייסטישע סטאביליטעט.

אן אינטערעסאנטע פארשונג איז געווארן דורכגעפירט דורך די 'מאני ענד מענטל העלט אינסטיטוציע', וואס לויטעט, אז איינער וואס איז אונטער פינאנציעלע דרוק איז זעקס מאל מער אויסגעשטעלט צו חלילה ליידן אויף גייסטישע שוועריגקייטן. דאס צייגט ווייטער די שייכות צווישן די צוויי וועלטן, און ס'איז וויכטיג צו באהאנדלען די נושא פון א 'מענטל-העלט קוק-ווינקל', צו פארשטיין וויאזוי מ'קען לייכטער מאכן דאס לעבן אפילו אין א צייט וואס די בערזל איז היפש אויסגעזעקלט.

אודאי איז וויכטיג צו טון השתדלות, און טרעפן וועגן וויאזוי איבערצוקומען די שוועריגקייטן, זיך דורכרעדן מיט פינאנציעלע מומחים, וואס וועלן העלפן טרעפן די לעכער אינעם בודזשעט, צי גאר אויפקומען מיט וועגן וויאזוי צו פארדינען מער געלט, מיט וואס צו קענען בעסער אוועקשטעלן די פינאנציעלע צושטאנד.

דאס וועלן מיר אבער לאזן פאר די פינאנציעלע מומחים, אין די קומענדיגע שורות וועלן מיר באטראכטן אזא סיטואציע פון א מענטל-העלט קוק-ווינקל, און פרובירן זען וויאזוי מ'קען ארבעטן אויף ביידע פראנטן, אפילו אין די צייט וואס מ'איז שוין פארנומען צו פארבעסערן די פינאנץ, איז ראטזאם צו לייגן געוויכט אויף פארשידענע מהלכים מיט וואס מ'קען אויפהייבן די צעבראכענע גייסט וואס זיצט אין די נאכאנאנדע דרוק.

### 1. זיי גוט צו דיר אליין

זיין גוט צו זיך אליין איז גאר וויכטיג אין א צייט ווען די פינאנץ קומט אנטקעגן, ס'איז שווער ווען מ'קען שווערליך אפצאלן בילס מיט בעלי חובות, זייער אפט ווערט מען רעאגירן צו זיך אליינס מיט בייסיגע מחשבות, מ'ווערט אנהייבן טראכטן אויף זיך אז מ'איז ווערדלאז, קיינער דארף מיר נישט האבן, מיין ארבעט ווערט באטראכט ווי א שטיק מיסט, און אזוי ווערט מען זיך אנהייבן באשולדיגן אויף די שווערע אריבערגאנג.

ס'איז וויכטיג צו געדענקען, אז ס'איז נישט דא פארוואס זיך צו באשולדיגן, מיר זענען מאמינים בני מאמינים, און מיר ווייסן אז אלעס איז אפגעשריבן פון אויבן, אונז פארשטייען טאקע נישט פארוואס פאר איינעם גייט לייכטער און פאר איינעם גייט שווערער, אבער אין די זעלבע צייט איז וויכטיג צו געדענקען, אז יעדע פרוטה וואס א מענטש פארדינט איז פאראויס געשריבן פון אויבן, און ס'איז נישט דא קיין סיבה זיך אליינס צו באשולדיגן.

בכלל דארף מען געדענקען אז מען איז ווייט נישט דער איינציגסטער וואס גייט אריבער די סארט שוועריגקייטן,



# פינאנץ שוועריקייטן

## מוז נישט מיינען א צעקלאפטעטער נפש

פינאנץ איז פון אייביג אן געווען א דאגה, מערסטנס מענטשן איבער דער וועלט דארפן זיך אנשטרענגען צו לייגן ברויט אויפן טיש, עס גייט נישט מיט קיין קוועטש אויפן קנעפל. ס'איז אבער נישט קיין סוד, אז אויב איז עס פון אייביג אן געווען שווער, איז עס פילייכט געווארן אסאך שווערער אין די לעצטע עפאכע, זינט אינפלאציע האט אזוי באטראפן דאס געזעלשאפט.

פינאנציאלע אנאליסטן שאצן, אז פאר א געווענליכע פאמיליע אין ענגלאנד קאסט דאס לעבן היינט מיט פינף און צוואנציג פראצענט מער ווי אין יאר 2020 - די רעדע איז נישט פון פאמיליעס וואס האבן געטווישט זייער לעבנס סטאנדארטן, נאר אפי' אזעלכע וואס לעבן אויף די זעלבע שטייגער ווי אין 2020 וועט דאס לעבן קאסטן מיט פינף און צוואנציג פראצענט מער.

דאס איז ווען מ'רעדט אפילו פון די אלגעמיינע געזעלשאפט, ווער רעדט ווען עס קומט צו דאס אידישע לעבן וואס איז אסאך טייערער. ס'איז אינטערעסאנט אנצומערקן אז די טייערקייט מיט וואס די אידישע לעבנס שטייגער איז ארומגענומען, איז עפעס וואס איז געווארן געדעקט אין די הויך-געשעצטע ביזנעס מידיע נעץ, 'פארבס'. אן ארטיקל וועלכע האט געפארשט די טייערקייט פון לעבן האט געוואוסט צו זאגן איבער די אויסטערלישע טייערקייט מיט וואס די אידישע געזעלשאפט איז פארפלאגט, דאס קויפן כשר'ע עסן, צושטעלן ימים טובים, ערציען גרויסע פאמיליעס איז עפעס וואס שלעפט אריין אין גאר גרויסע געלטער.

אודאי ווייסן מיר אז דאס איז רצון השם, און ווי די גמרא זאגט שוין זענען הוצאות שבת וי"ט נישט אריינגערעכנט אויף וויפיל עס איז באשערט פאר א מענטש, די געלטער וועלן צוריקקומען, אבער במציאות איז דאס אידישע לעבן זייער טייער פון יעדן קוק-ווינקל.

מ'זעט ליידער אז א ריזן פראצענט משפחות קענען קוים קלעקן צו דעקן די חודש, און ווייסן נישט וואס די מארגן וועט ברענגען. דער אויבערשטער זאל אודאי משפיע זיין פרנסה בריוח פאר יעדן איינעם ווי שנעלער.

איי וועט זיך פרעגן וואו אין די וועלט קומט אריין צו רעדן וועגן פינאנציעלע שוועריגקייטן אין א מאגאזין וואס ווערט ארויסגעגעבן צו שרייבן וועגן מענטל-העלט, דאס וואלט לכאורה געהערט צו שרייבן אין א ביזנעס מאגאזין, וועלכע איז דא צו העלפן אוועקשטעלן מענטשן פון א פינאנציעלע קוק-ווינקל.

דער אמת איז אבער, אז די צוויי וועלטן האבן גאר א נאנטע שייכות, דער פסיכאלאג, 'דאקטער וויליאמס דעיוויס', שרייבט, אז אין די צייט וואס מ'קוקט אריין טיפער צו פארשטיין די גייסטישע צושטאנד פון א מענטש, זאל מען קוקן אויף פינף זאכן וואס זענען די הויפט שרשים צו קענען שאקלען די גייסטישע צושטאנד אויף ביידע זייטן, איינע פון די פינף הויפט נושאים וואס צו נעמען אין באטראכט איז די פינאנציעלע צושטאנד.

דאס הייסט אז די פראפעסיאנאלן באטראכטן די פינאנציעלע צושטאנד צו האבן א דירעקטע שייכות אויף דאס גייסטישע וואוילזיין פון א מענטש, דעריבער איז יא וויכטיג אריינצוקוקן טיפער פון א מענטל-העלט קוק-ווינקל, און פארשטיין וויאזוי די פינאנציעלע דרוק טוט אויסקלאפן, און האט א דירעקטע שייכות אויף דאס גייסטישע וואוילזיין.

די אומגעהויערע דרוק וואס די פינאנציעלע שוועריגקייטן ברענגט מיט זיך, קען צוברענגען א פארנאכלעסונג אין זיך אליין, עס טוט פארשווערן מיטן אנגיין אינעם טעגליכן רוטין, אפילו אזעלכע לעבנס וויכטיגע באדערפענישן ווי שלאפן און עסן וועט נישט ווערן געהעריג באהאנדלט, און אזוי קען די פינאנציעלע

## די ארבעט ביים טעראפיסט?

די ענקזייעטי קען ברענגען אזא שווערע אינערליכע צעריסנקייט, אזש מ'ווערט עס אנהייבן אפלערנען ווי עפעס וואס געהערט נישט אינערליך, און אזוי ווערט מען עס פרובירן אנהייבן ארויסווארפן פון זיך, די ארבעט פון דער טעראפיסט ווערט זיין, צו נעמען די 'פיינטשאפט' וואס ליגט ארום די ענקזייעטי און עס טוישן מיט 'פריינטשאפט'.

ווי נאר מ'ווערט אנהייבן שפירן אז די ענקזייעטי איז נישט דא צו שאדן מאכן, ס'איז בלויז אן אלערט סיסטעם וואס איז נאכנישט געהעריג אנטוויקלט, ווערט מען אנהייבן נאכלאזן פון די אנגעצויגנקייט, און מ'ווערט קענען אנהייבן געבן פלאץ פאר נייע מחשבות, וואס וועלן מיט די צייט אויסלערנען פאר די אלערט סיסטעם פון וואס יא אדער נישט צו מורא האבן.

די מח איז אויסגעשטאטעט מיט גוטע פונקציעס, וואס קענען אדאפטירן נייע מהלכים און מיטלען, מ'דארף אבער זיין גרייט צו קאמיוניקירן און זיך עפענען צו זיך אליינס, דאס איז די שליסל אין וואס עס ווענדט זיך אלעס.

מ'ווערט זיך צוביסלעך אויסלערנען אז די מאנסטערישע פנים מיט וואס די ענקזייעטי טוט זיך באווייזן, איז א בלויזער אויפשפיל פון באזארגנדע מחשבות, וואס באהאלטן זיך אויס טיף-טיף אינערליך, עס האט גארנישט מיט די מציאות, און די וועלט איז גארנישט אזוי שרעקעדיג ווי די ענקזייעטי שטעלט איר פאר.

אבער ווי געשמועסט קען דאס נאר קומען אין א צייט וואס מ'טוט זיך עפענען, מ'הייבט אן זיצן ביי איין טיש מיט די ענקזייעטי, און מ'לערנט זיך אויס וויאזוי נישט צו ווערן דערשראקן פון די דערשראקנקייט.

דער טעראפיסט ווערט קענען געבן קורץ-טערמיניגע לעזונגען, ווי אויך ווערט ער העלפן ארבעטן אויף א לעזונג פאר די לאנגע טערמין.

דאס איז אמאל זיכער אז גיין צו טעראפי טוט נישט ציינגן אויף שוואכקייט, פארקערט, עס טוט ארויסהייבן די שטארקייט פונעם מענטש, וואס טוט אנערקענען אין זיך אליין, און טוט ארבעטן אויף צו האבן די בעסטע לעבן וואס איז נאר שייך בס"ד. ■

> די ארגסטע איז נאך דאס ווילן אנטלויפן פון די פחד און נישט קענען קוקן די שווערע געפילן אין פנים.



עס באצייכנט אלס Moro Reflex- דאס איז ווען בעיביס וועלן זיך אנהייבן שאקלען ווילד נאכן פלוצלינג הערן הויכע גערודער, אדער ווען זיי הייבן אן באקומען א פחד פון אראפפאלן.

מ'קען זיך צוריקדערמאנען פון די גאר יונגע יארן, ווען מ'האט זיך צום ערשטן מאל אנגעהויבן אויסלערנען צו פירן א בייק, טיף אינערליך האט מען געשפירט א געוויסע אנגעצויגנקייט, וועלכע איז געווען אויסגעמישט מיט די געפיל פון עקסטאז, און דאס האט געפירט אז יעדעס מאל וואס מ'האט נאר געהאט די מינימאלסטע חשד אז מ'גייט זיך אפשר איבערדרייען, האט מען זיך אין א ספליט סעקונדע געטראפן לייגן די פיס אויפן ערד.

אזוי איז מען אויפגעוואקסן מיט אן אינערליכע אלערט סיסטעם וואס איז דא צו באשיצן דעם מענטש פון חלילה אריינפאלן אין א געפאר וועלכע קען שעדיגן דאס וואוילזיין.

די וואונדערליכע מח טייל וואס ווערט גערופן - amygdala טוט נאכאנאנד אבזערווירן דער מצב ארום און ארום, און באזירט אויף וואס די מח טוט פריצייטיג אויפכאפן וועט די מח שיקן כוואליעס מיט וואס צו רעאגירן, ביזן אריינלייגן דעם מענטש אין א מצב פון קעמפפן צו הייסן די קערפער זיך אנהייבן שלאגן מיט א קעגנקומענדע געפאר, אדער גאר הייבן פיס פון א געפאר וועלכע ס'איז נישט מעגליך אפצושלאגן.

אין צייטן וואס די amygdala שפירט אז ס'איז דא א באלדיגע געפאר פון ווערן געשעדיגט פיזיש אדער עמאציאנאל, וועט די מח נישט דארפן מאכן א סטראטעגישע פלאן זיך צו באשיצן, עס קומט אויטאמאטיש

## ווען איז עס א ברכה?

אזוי לאנג ווי די אינערליכע אויטאמאטישע אלערט סיסטעם ווערט נאר אקטיוויזירט אין צייטן פון נויט איז עס א ברכה פון הימל, און טוט ממש אויפטון די צוועק פארוואס די אלערט איז דא אינעם ערשטן פלאץ. וואס געשעט אבער ווען די אלערט סיסטעם איז צעבראכן, און טוט פארדעכטיגן אז יעדע קליינע גערוך קומט פון פייער, און עס טוט זיך צעפייפן יעדע פינף מינוט, דאס איז שוין אן אישו.

די אלערט סיסטעם קען האבן אן 'עראר', וואס טוט אנזייען כאאס אפילו ווען ס'איז נישט נויטיג, עס קען זיין אז די וועג וויאזוי מ'האט אנגעקוקט די וועלט זייענדיג יונג איז געווען אויסגעמישט מיט צופיל זארג, ס'איז נאכנישט געווען וויאזוי ארויסצוהאבן די אפטייטש פון געפאר, און דאס האט געברענגט אז יעדעס מאל מ'איז אריבער די ראוד איז געליגן אן אונטערליגנדע זארג אפילו ווען א קאר איז נישט געקומען.

אבער די זארג האט זיך נישט אפגעטון ווען מ'איז געווארן מער ערוואקסן און באקומען נייע בליקן אויף דער וועלט, אפילו נאכן קענען גוט פונאנדערשיידן מיט אן אביעקטיווער בליק, צו גענצליך ארויסהאבן וואס ס'איז א געפאר און וואס נישט, וועט אבער די אלערט סיסטעם נישט ווערן אויטאמאטיש אפדעיטעד, עס וועט פארבלייבן מיט די פאלשע אלערטס, און עס וועט זיך צעפייפן אפילו ווען ס'איז נישט נויטיג.

## האב נישט מורא פון ענקזייעטי

די פראפעסיאנאלן טוען באצייכענען, אז די גרעסטע שטער צו היילן ענקזייעטי איז, ווען מ'טוט אנטוויקלען ענקזייעטי איבער די ענקזייעטי זעלבסט, דאס הייסט אז מ'הייבט אן מורא האבן פארוואס מ'האט מורא, מ'וויל אנטלויפן פון די פחד, און מ'קען נישט קוקן די שווערע געפילן אין פנים.

'די פחד פון די פחד' טוט אומדירעקט געבן א מעסעדזש פאר די ענקזייעטי אז די פחד איז עכט, והא ראיה, דער מענטש באקומען אזא פחד פון די פחד. דאס ברענגט אז פיר פראצענט ערוואקסענע מענטשן זאלן מיט דער צייט אנטוויקלען אן ענקזייעטי דיסארדער.

ווען מ'הייבט אן מאכן א גרויסע בראטעל פון די ענקזייעטי, וועט עס מיט די צייט ווערן שטערקער און עס וועט אנהייבן ברענגען שווערע סימפטאמען אויפן מענטש, וואס וועט שטערן דאס וואוילזיין, עס וועט שטערן פון קענען טראכטן גראד, עס וועט שטערן שלאפן, עס וועט נאך שטערקער מאכן די דאגות.

אין צייטן וואס די ענקזייעטי ווערט אן ערנסטער שטער אין לעבן, און מ'קען זיך נישט אן עצה געבן מיט די אומזיסטע אומרואיגקייט וואס נעמט איבער דאס גאנצע געוויסן, איז צייט צו אנהייבן זוכן פאר הילף. אמאל וועט מען קענען אליין ארבעטן אויף זיך, און אין אנדערע פעלער וועט מען דארפן גיין באזוכן א טעראפיסט.

עס פארשטייט זיך אליינס, אז א קינד וואס האט מורא אז ער גייט אראפפאלן פון די בייק, און טוט שנעל לייגן די פיס אויפן ערד דארף נישט לויפן צו קיין טעראפיסט, אבער ווען אן ערוואקסענער ליידנדער וועט אנקומען צום טעראפיסט, וועט דער עיקר ארבעט זיין צו אויפלאזן די פחד איבער די פחד

# ענקזייעטי

## איז א מענטשליכע נאטור

**די פחד פון קוקן די ענקזייעטע אין פנים טוט נאר גיסן מער ברענשטאף צום פייער, און טוט פארשווערן זיך צו קענען ארויסזען דערפון**

'ענקזייעטי' איז אווארט וואס האט זיך שוין באקוועם אריינגעזעצט אין די לעקסיקאן, עס ווערט גענוצט צו ארויסברענגען אומזיסטע אנגעצויגנקייט אדער פחד. אין די פאלגנדע שורות וועלן מיר איבערגיין די יסודות וויאזוי די פראפעסיאנאלע וועלט טוט באטראכטן 'ענקזייעטי', עס וועט אונז געבן א טיפערע פארשטאנד אליין ארויסצוהאבן איבער מ'לליידט דערויף א שטאפל וואס פארלאנגט זיך צו גיין זוכן הילף.

לאמיר אין פארמאט פון ווערטער פרובירן צו דעפינירן די געפיל וואס 'ענקזייעטי' ברענגט מיט זיך - עס קומט סיי-ווען ווי אן אומגעוואונטשענער גאסט, די געפיל איז אזא אומבאקוועמע געפיל אין די טשעסט, א געפיל וואס לאזט נישט זיצן על מי מנוחות, א געפיל וואס שטעלט אפ דאס געלויף, און טוט פאדערן אים צו באהאנדלען, עס גיבט אבער נישט קיין געהעריגע ערקלערונג, ראציאנאל מוז מען נישט דוקא טרעפן קיין הסבר צו פארוואס די הייניגע טאג האט געמאכט שפירן וויאזוי מ'שפירט, אלעס קוקט דאך אויס צו זיין העכסט אין פלאץ.

די געפיל איז שוין די תוצאה פון דערשראקענע מחשבות וואס הייבט זיך אן וועבן בחדרי חדרים, און פון דארט ווערט אנטוויקלט די אנגעצויגנקייט וואס נעמט איבער די הארץ, און אזוי טוט עס ווירקן אויפן מענטש, זיך נישט צו קענען מצמצם זיין, און אים לייגן אויפן העכסטן אלערט, אויס זארג אז עפעס איז נישט בסדר, און פון עפעס דארף מען זיך באשיצן.

אויסערליך איז די ענקזייעטי מאדנע ביז גאר, עס מאכט נישט קיין סענס, און טראגט מיט זיך אזא ריזיגע רויטע פראגע צייכן וואס שרייט אויס 'ילמדנו רבינו', ווי קומט בכלל אריין צו זיין אנגעצויגן אינמיטן העלן טאג ווען די זון שיינט מיט פראכט. אלעס קלאפט, נישט דא קיין פינאנציעלע סטרעס, די משפחה איז מסודר, דאס גאנצע אנגעצויגן איז א מיסטעריע אן קיין געהעריגע ערקלערונג.

די מח ווערט ערשעפט פון זוכן צו פארשטיין וואס ס'האט געטריגערט די ענקזייעטי, און עס קען אנהייבן ווערן אויסגעטייטשט ווי א פרעמדע אומפראדוקטיווער פונקציע אינעם מענטש, ווי עפעס אן אומגעוואונטשענע באקטעריע און געפארפולע באצילן, פון וואס מ'דארף פשוט טרעפן א וועג וויאזוי צו פטור ווערן דערפון

**איז די ענקזייעטי זארג טאקע אומזיסט?**

יעדער אויפן וועלט וועט צומאל שפירן אזא אינערליכע געפיל וואס טוט צוריקהאלטן און לאזט נישט קיין מנוחה, אין די וועלט איז נישט דא קיין שלימות, יעדער דארף אמאל אריבערגיין שווערע געפילן, ס'איז אבער יא וויכטיג אריינצוגיין טיפער, און פארשטיין פון וואו די שווערע געפילן שטאמען, און אזוי פארשטיין וויאזוי בעסער צו ארבעטן דערויף און אזוי עס רעדוצירן.

די זעלבע איז וויכטיג צו פארשטיין ווען ס'גייט שוין אריין אין די קאטעגאריע פון ענקזייעטי דיסארדער, וועלכע טוט אפשטעלן דעם מענטש גענצליך, און לאזט אים נישט גיין פאראויס צו קענען אנקומען צו זיינע צילן.

די ענקזייעטי היוכע אלערט געפילן איז נישט קיין פרעמדער גאסט וואס האט זיך אריינגעכאפט אן רשות, ס'איז אייגנטליך אן אינערליכער טייל וואס איז דא צו העלפן דעם מענטש אים צו באשיצן פון מעגליכע שאדן. אפילו ביי גאר קליינע בעיבים וועט מען קענען זען ווי זיי רעאגירן ווילד צו אומסטאבילע מצבים, אין די פראפעסיאנאלע וועלט ווערט

## וויאזוי קען מען עס באהאנדלען?

די גוטע נייעס פאר די וואס ליידן אויף דעפרעסיע איז די פאקט אז ס'איז א דיסארדער מיט די גרעסטע סוקסעס ראטע ווען ס'קומט צו ווערן באהאנדלט, שאצונגען געבן אן, אז אזויפיל ווי נאנט צו 90% דעפרעסיע ליידנדע וועלכע זענען זיך געגאנגען העלפן, האבן רעאגירט זייער גוט צו די באהאנדלונגען.

עס זענען דא מערערע טעראפי מעטאדן וואס וועט העלפן די ליידנדע ארויסקריכן פון די דעפרעסיע, פון די מערסט אפעקטיווע מעטאדן איז CBT [קאגנעטיוו ביהעיווערל טעראפי], עס טוט לייגן א שטארקע געוויכטע צו ארבעטן אויף די מחשבות פון די ליידנדע, צו טוישן בליק איבער זיך אליין, און מיט די צייט זאל עס אנהייבן האבן א גוטע השפעה אויף די גאנצע וועזנהייט און מציאות החיים.

אין טעראפי וועט מען ארבעטן אויפן ליידנדער, צו אנהייבן באגרייפן אז די שווערע בליק איבער זיך אליינס איז בכלל נישט באזירט אויף די ווירקליכקייט, און איז א בלויזע קוק-ווינקל וואס דער ליידנדער נוצט צו קוקן אויף זיך אליינס.

מ'וועט אויך ארבעטן אריינצוקריכן טיף, און טרעפן שרשים וועלכע האבן געהאט א השפעה צו גורם זיין די דעפרעסיע, און אזוי וועט מען קענען צוקומען צו געוויסע טוישונגען אין לעבן, וואס וועט בס"ד האבן א גאר גוטע השפעה צו ברענגען א פארבעסערונג אין דער מצב.

אין געוויסע פעלער וועט מען אויך שטופן א ליידנדער צו נעמען אנטי דעפרעסיע מעדיצינען, וואס וועט באלאנסירן די געמיש פון די כעמיקאלן אין מח, מיט וואס צו קענען העלפן דעם ליידנדער ארויסקריכן פון די שווערע דעפרעסיע.

אפגעזען וועלכע מיטלען און מעטאדן די מומחים וועלן אנצייגן, איז אבער גוט צו געדענקען, אז ס'איז דא גוטע האפענונג, און אין די זעלבע צייט איז אויך זייער וויכטיג צו נעמען אין באטראכט, אז ווי פריער מ'טוט עס באהאנדלען, אלס לייכטער איז עס, און אלעס שנעלער וועט מען זען די ווער ארויס בס"ד.

## טוישן די לעבנ'ס שטייגער

אין צוגאב צו די הילף וואס מ'נעמט פון פראפעסיאנאלן, איז אויך שייך צו טוישן די לעבנ'ס שטייגער, וואס קען האבן א השפעה צו פארבעסערן דער מצב.

- מאכן עקסערסייז.
- שלאפן מיט קוואליטעט - נישט צו ווייניג און נישט צו סאך.
- עסן א געזונטע דיעטע.
- אויסמיידן אלקאהאלישע געטראנקען.
- ספענדן צייט מיט נאנטע מענטשן וועלכע האבן א באדייט אין לעבן
- צעטיילן די אויפגאבעס אין קלענערע פרטים און לייגן פריאריטעטן אויף געוויסע פליכטן, אנטקעגן אנדערע, און אזוי קענען צוביסלעך נאכקומען אויפגאבעס.
- זיך לאזן הערן צו פאמיליע מיטגלידער און נאנטע, און זיך נישט שעמען מיטצוטיילן איבער די אייגענע לעבנ'ס ערפארונג.

צום שלוס איז וויכטיג ארויסצוברענגען נאכאמאל, אז די אישו פון דעפרעסיע וועט נישט אוועקגיין איינס/צוויי, עס פארלאנגט זיך ארבעט צו קענען גיין אויפן וועג ארויף, איין טריט און נאך א טריט, און מ'וועט אנקומען בס"ד. ■

> "ווען שלמה המלך רעכנט אויס אין קהלת די צייטן וואס ס'איז דא פאר יעדע זאך, וועט ער רעדן וועגן אן 'עת-לבכות' - א צייט וואס עס קומט צו וויינען, 'עת-לספוד' - א צייט וואס עס קומט צו קלאגן, ער רעכנט אבער נישט אויס 'עת לעצבות ועת למרה שחורה'.



באטרעפט יעדע נפש אין געוויסע צייטן, איז אבער וויכטיג צו באטאנען, אז דאס ווארט טרויער ווערט אפט ערזעצט דורך א ווארט וועלכע טוט באדייטן גאר עפעס אנדערש, און דאס איז שוין יא עפעס וואס דארף ווערן באהאנדלט און מ'קען עס נישט לאזן לויפן.

מ'וועט אפט הערן פון מענטשן וואס וועלן זאגן 'כ'בין דעפרעסט', 'היינט בין איך אויפגעשטאנען אין אזא דעפרעסטע גיסטע', 'די טאג איז היינט אזוי דעפרעסט', 'דו מאכסט מיך דעפרעסט', די טערמין דעפרעסיע איז זייער גאנגבאר אין די לעקסיקאן, און אזוי איז עס געווארן ארויסגענומען פון פערספעקטיוו, לאמיר זיך אין די קומענדיגע שורות באציען צו ארויסברענגען וואס דאס איז דעפרעסיע, און ווען עס פעלט אויס צו ווערן באהאנדלט.

### דעפרעסיע מיינט מרה שחורה

דעפרעסיע איז נישט בלויזע טרויער וואס דער מענטש שפירט, ס'איז א טיפע מרה שחורה וואס ווערט קאטעגאריזירט ווי א mood disorder - ס'איז א וועלט'ס חילוק פון א מענטש וואס דריקט אויס טרויער, ביז א מענטש וואס די טרויער ווערט א טייל פון זיין מציאות החיים, און טוט אויסקלאפן אויף מערערע וועגן.

ווען שלמה המלך רעכנט אויס אין קהלת די צייטן וואס ס'איז דא פאר יעדע זאך, וועט ער רעדן וועגן אן 'עת-לבכות' - א צייט וואס עס קומט צו וויינען, 'עת-לספוד' - א צייט וואס עס קומט צו קלאגן, ער רעכנט אבער נישט אויס 'עת לעצבות ועת למרה שחורה'.

אין ספרי מוסר וחסידות זעט מען גאר אסאך רעדן זייער שטארק איבער די נעגאטיוויטעט פון מרה שחורה, און איבער די שווערע השפעה וואס עס לאזט איבער מיט זיך.

דעפרעסיע ברענגט נישט בלויז ארויס טרויער, עס טוט צוברענגען נאך א רייע שוועריגקייטן אויף טריט און שריט, און עס טוט גענצליך אפשטעלן די לעבן פון צו קענען זיין פראדוקטיוו

דעפרעסיע איז אויך נישט עפעס וואס איז דא בלויז אויף א קורצע תקופה, נאר זאגאר א לאנג פארצויגענע עפיזאד, וואס קען נעמען לאנגע טעג און וואכן. פון א פראפעסיאנאלע קוק-ווינקל וועט מען דיאגנאזירן דעפרעסיע בלויז אויב מ'זעט דעפרעסיע סימפטאמען פאר כאטש צוויי וואכן אין א צי.

אין די צייט וואס מ'רעדט וועגן דעפרעסיע איז וויכטיג צו באטאנען, אז דאס איז נישט עפעס וואס קומט פון א שוואכקייט וואס דער מענטש טראגט מיט זיך, ס'איז אסאך טיפער ווי דעם, און ס'איז עפעס וואס דארף ווערן באהאנדלט.

ס'איז נישט שייך צו מאכן די חשבון אז מארגן וועט זיין בעסער, ווייל ווי די סטאטיסטיקס ציינט זייער קלאר, אז ווען א מענטש ליידט איינמאל אויף דעפרעסיע, איז דא גאר א הויכע ריזיקע אז די דעפרעסיע וועט צוריקקומען איינמאל און נאכאמאל, און עס קען חלילה ווערן ערגער און ערגער.

### דעפרעסיע סימפטאמען

ווי געשמועסט איז דעפרעסיע נישט בלויז טרויער, עס טוט ווירקן אויף מערערע עספעקטס אין לעבן, לאמיר דא איבערגיין עטליכע הויפט סימפטאמען וואס ווערן באטראכט ווי א רעזולטאט פון דעפרעסיע:

- שפירן טרויעריג, הילפסלאז, נערוועז אדער ליידיג. ווען די רעדע וועט זיין פון קינדער וועט עס אפט אויסקלאפן דורך אויפגערעגטקייט אנשטאט טרויער.
- אויפהערן הנאה האבן פון זאכן וואס פלעגט ברענגען א שטארקע הנאה.
- ווערן זייער שנעל פרוסטרירט.
- אנהייבן עסן זייער אסאך אדער זייער ווייניג, אין רעזולטאט וועט עס ווירקן אויף די וואג פונעם מענטש מיטן צונעמען וואג אדער מיטן פארלירן.
- טוישן די שלאף צוגאנג, אנהייבן שלאפן לאנגע שעות, אדער שוועריגקייטן צו קענען איינשלאפן.
- פארלירן די פיזישע ענערגיע צו קענען אנגיין מיט די טעגליכע ווערטשאפט, שטענדיג שפירן ערשעפט און אויסגעמוטשעט, שלעפעריג און נאכגעלאזט.
- שפירן א געפיל אז מ'איז ווערדלאז, און אן אנגייענדע שלעכטע געפיל מיט זיך אליין.
- שוועריגקייט צו קענען קאנצענטרירן און מאכן החלטות, שוועריגקייטן זיך צו דערמאנען זכרונות.
- אנהייבן באקומען אפטע פיזישע ווייטאג ווי קאפ-ווי און בויך-ווי.

# דעפרעסיע

## מיינט נישט בלויז טרויער



איבערבליק אויף דעפרעסיע דיסארדער פון וואס זייער אסאך ליידן רח"ל, די רעדע איז נישט פון טרויער, נאר פון טיפע מרה שחורה וואס נעמט איבער דאס גאנצע לעבן - סוקסעס ראטע פון די וואס ווערן געהאלפן דערפון שטייט ביי נאנט צו נייניציג פראצענט

יעדער מענטש אויפן ערד-קוגל וועט צומאל זיין טרויעריג, לַכֹּל זְמָן וְעֵת - יעדע זאך האט זיך זיין צייט, אמאל וועט זיין א צייט וואס פרייד וועט איבערנעמען די וועזנהייט, מ'וועט שפירן אויפגעלייגט מיט א גוטע שטימונג, וואס וועט העלפן אנגיין מיט א פראדוקטיווער טאג אין אלע הינזיכטן, אבער דער זעלבער נפש וואס איז נעכטן געווען איינגעהילט אין פרייד, קען בלויז א טאג דערויף אויפשטיין מיט א נאכגעלאזטע געמוט, שפירנדיג ווי אלעס אין דער וועלט איז שווארץ.

אמאל קען עס קומען פון עפעס וואס איז אריבערגעגאנגען אויפן נפש, זאל עס זיין א שלעכט ווארט וואס איינער האט געגעבן צו הערן, זאל עס זיין א נישט געשמאקע נייעס וואס מ'האט געהערט, זאלעס זיין איבערגעשטערנגטקייט וועלכע זעצט זיך ארויף אויף די וועזנהייט.

אפגעזען וואס די סיבה זאל נאר זיין, איז געפילן פון טרויער נישט עפעס וואס איז בכלל שייך צו אויסמיידן, ס'קומט אן צו יעדעם פון צייט צו צייט

ס'איז אפילו דא צייטן ווען ס'איז געזונט צו זיין טרויעריג, צייטן ווען מ'טרויערט חלילה נאך א נאנטער, צי ווען עפעס גאר שווער האט פאסירט, אין אזעלכע צייטן איז ממש געזונט פאר דעם נפש צו פשוט אויסדריקן די ווייטאג מיט טרויער, נישט צו זאגן אז מ'דארף אריינפאלן אין יאוש, און נאכלאזן פון אנגיין מיטן לעבן, אבער ס'איז זייער געזונט צו אויסגעבן ווייטאג אין צייטן וואס די נפש האט א געברויך דערפאר.

אין די זעלבע צייט וואס מ'האט שוין אוועקגעשטעלט אז טרויער איז עפעס וואס

אריבערגיין צעטיילונגען אין די פאמיליע, וואס טוט צעווארפן די נאטירליכע געבוי אויף וואס א קינד בויט זיין גאנצע עקזיסטענץ.

## וויאזוי ווייסט מען אויב מ'ליידט דערויף

די ליידנדע אויף נידריגע זעלבסט-ווערד וועלן הערן אין זייער מחשבה נעגאטיווע געשפרעכן, גארנישט וועט עס נישט דארפן טריגערן, אלעס קען זיין אש-שטיל, אבער אין מח וועלן זיי הערן שלעכטע אבזערווירונגען איבער זיך, און אזוי וועט זיך בויען קאמיוניקאציע מיט זיך אליין, וואו אין מחשבה וועט אונטערשטיצן די צווייטע, אלעס געבויט צו ווייטער באשטעטיגן די שוואכע אמונה וואס מ'האט אין זיך אליין.

זיך אנקוקן שלעכט אנטקעגן אנדערע. געווענליך וועט א מענטש האלטן די מערסטע פון זיך אליין, ווי מיר ווייסן אז 'אדם קרוב אצל עצמו', אבער ווען מ'דרייט זיך מיט נידריגע זעלבסט-ווערד וועט מען אייביג אנקוקן אנדערע בעסער און שענער.

מ'וועט אראפקוקן אויף די אייגענע דערגרייכונגען, און נישט קענען אננעמען קיין קאמפלימענטן.

מ'וועט זיך באשולדיגן אפילו אויף זאכן וואס זענען בכלל נישט אין קאנטראל.

מ'וועט האלטן אז אלעס גייט דורכפאלן, דעריבער וועט זיין גאר שווער צו קענען מאכן סיי וועלכע גאול אין לעבן, ווייל אלעס גייט דאך במילא דורכפאלן, און פארוואס זאל מען דארפן שפירן די צער פון דורכפאלן.

זיך דרייען מיט א געפיל אז עס קומט זיך נישט קיין גוטע לעבן, עס קומט זיך נישט קיין ליבשאפט, עס קומט זיך נישט קיין פרייד און עקסטאז חלילה.

שפירן פארשעמט און איינזאם.

אנהייבן זיין פארנומען מיט אויסערליכע כאראקטער ווי וואג און הייעך.

ליידנדע וועלן זיך קענען אידענטיפיצירן מיט כאטש עטליכע פון די אישוס. די וואס ליידן דערויף האבן גאר א שווערע לעבן. ערשטנס, די בלויזע פאקט אז מ'דרייט זיך ארום אזוי צעקלאפט, צעבראכן און ווערדלאז, נעמט אוועק יעדעס ביסל קוואלעטי אין לעבן, עס שאלטערט אויס.

מיט די צייט קען עס אויך פירן חלילה צו ערגערס, און מ'קען אנהייבן אנטוויקלען ענקזייעטי, דעפרעסיע און אפילו נאך ערגער רח"ל.

## וואס טוט מען למעשה?

די מחשבות זענען אזוי טיף איינגעווארצלט, אז ס'איז נישט שייך עס בלויז צו געבן א שטויס ארויס. מ'קען אבער צוביסלעך אנהייבן טון פעולות וואס זאלן מיט די צייט אריינברענגען א נייע שטימונג און א נייע גייסט, וואס זאל אנהייבן רעדן שיין איבער זיך אליין, און אזוי צוביסלעך טוישן די גאנצע בליק איבער זיך אליין.

ס'איז וויכטיג צו אנהייבן טון פעולות אויסצולעשן די נאכאנאנדע שווערע מחשבות וואס רעדן מיט אזא הויכע קול, און לאזן נישט די פאזיטיווקייט אריינרעדן.

עס נעמט אריין צו מאכן גוטע מיינדפולנעס און מעדיטאציעס, וואס זאלן בארואיגן דאס געוויסן, און צוביסלעך וועלן די שטייפע מחשבות אנהייבן אויפלאזן, און מאכן פלאץ פאר בעסערע מחשבות אריינצוקומען אין זייער פלאץ.

נוצן די פעדער איז גאר מאכטפול, נעמען די פעדער אין האנט, אפילו בלויז אנהייבן פירקלען איבער די געפילן וואס מ'שפירט, און אנהייבן שרייבן גוטס איבער זיך אליין, דאס קען ממש שאקלען וועלטן.

אנהייבן טרעפן זאכן וואס מ'האט ליב, און עס אנהייבן טון, כדי זיך צו געבן די געפיל אז עס קומט זיך יא די גוטע לעבן בס"ד.

אנהייבן סאושעלייזן מיט נאנטע, וואס מ'שפירט אז זיי זענען טראסטבאר.

ס'איז דא מערערע עקסערסייזעס וואס מ'קען טון צו גראונדן די שווערע מחשבות, דאס הייסט צו פארשטאטערן די שנעלקייט און גאלאפ מיט וואס די נעגאטיוועטי נעמט איבער דעם גאנצן מענטש

מ'קען זיך נישט שטופן אנצוהייבן טראכטן גוטס איבער זיך אליין פון איין מינוט צום צווייטן, אבער ווען מ'וועט אנהייבן אריינברענגען גוטע מחשבות מיט א פולע באוואוסטזיין, וועט עס צוביסלעך אנהייבן מאכן שטארקע טוישונגען בעז"ה.

אין פאל וואס ס'איז שווער צו מאכן אייגענע עקסערסייז, קען מען גיין באזוכן פראפעסיאנאלן וואס וועלן זיין גרייט ארויסצוהעלפן טרעפן א שיין אין לעבן בס"ד. ■



עפעס האט געמוזט פאסירן אין לויף פון די וועג, וואס האט געהאט די כח ארייַנצושטופן אזעלכע שווערע מחשבות אין די טיפעניש פון הארצן, ביז עס זאל אנהייבן באטראכט ווערן ווי די ווירקליכקייט.

פארשער האבן געזוכט צו טרעפן אויב עס זאל האבן סיי וועלכע שייכות מיט די גענעטישע צושטאנד פונעם מענטש. ס'איז אבער דא זייער ווייניג וויסנשאפט צו קענען אונטערשטיצן אז די גענעטיקס זאלן שפילן א ראלע.

ס'איז אנגענומען אז דער עיקר וואס שפּילט א ראלע, איז דער מצב אין וואס מ'האט זיך געפונען דורכאויס די קינדער-יארן.

בלויז צו האבן אמאל געהערט א שלעכט ווארט איבער זיך אליין איז נאכנישט גענוג שטארק צו קענען צעווארפן דעם גאנצן יקום, א מענטש איז שטערקער ווי דעם

ס'איז מער א רעזאלט פון זיין אויסגעשטעלט צו א נעגאטיווע ענווייראמענט טאג נאך טאג, עלטערן וועלכע האבן אסאך קריטיקירט אויף א פערזענליכע פארנעם, און געמאכט שפירן אז מ'טויג צו גארנישט, צי אנדערע מענטשן אויף וועמען מ'איז געווען אנגעהאנגען.

ס'מוז נישט דוקא זיין קריטיק זעלבסט, עס קען אויך קומען פון עלטערן וואס האבן געהאלטן גאר א ווייטע עמאציאנאלע דערווייטערונג, און האבן נישט געהאט קיין געפילישע באציאונגען מיט די קינדער, וואס דאס טוט ווייטער געבן א טעגליכע געפיל אז מ'איז גארנישט ווערד, און צוביסלעך האט זיך עס יידער איינגעגעסן אלס אן אינערליכע שטימע, וואס איז גאר שווער ארויסצוקלאפן פון דארט.

עס קען אויך קומען אין רעזולטאט פון אריבערגיין גאר שווערע טראומע אין די יונגע יארן, ווי פארלירן א נאנטער רח"ל, אדער

״

**די נעגעטיווע מחשבות איבער זיך זעלבסט זענען אזוי טיף איינגעווארצלט, אז ס'איז נישט שייך עס בלויז צו געבן א שטויס ארויס. מ'קען אבער צוביסלעך אנהייבן טון פעולות וואס זאלן מיט די צייט ארייַנברענגען א פרישע גייסט.**

אנדערע, ער וועט זיין אנידערגעשלאגן און צעקלאפט אין יעדע ריכטונג.

מ'רעדט נישט וועגן איינער שטייט אמאל אויף אין א שוואכע גיסטע, און ער שפירט אז די טאג איז פארוואלקנט, די רעדע איז פון מענטשן וואס אנטוויקלען א וואלקן ארום זיך, די אייגענע עקזיסטענץ באקומט א שווארצע קאליר, וועלכע טוט טונקל מאכן די גאנצע צוקונפט, אלעס וואס האט נאר א שייכות צו זיך אליין איז נאך א נעגאטיווע טייל פונעם לעבן.

אפילו ווען עס וועט זיי געלונגען צו באקומען א גוטע קאמפלימענט וועלן זיי נישט קענען קאנעקטן דערצו, עס וועט ווערן באטראכט ווי נישט אמת'דיג, די שטארקע אינערליכע שטימע וואס שרייט נעגאטיוועטי איבער זיך זעלבסט, איז אסאך שטערקער ווי סיי-וואס עס זאל פאסירן אינדרויסן פון זיך.

די זעלבע וועט זיין ווען עס וועט פאקטיש געלונגען צו דורכפירן הצלחה'דיגע פראיעקטן, וועט עס גארנישט טוישן אין זיך, די ווירקליכקייט וועט בכלל נישט גענומען ווערן אין באטראכט, די שווארצע וואלקן וואס פארנעפלט אלעס ארום וועט נישט לאזן זען קיין שום שיין איבער זיך אליין.

## פארוואס שלעכטס?

שטעלט זיך די פראגע פארוואס זאל טאקע א מענטש שפירן אזוי שלעכט איבער זיך, בשעת'ן אראפקומען אויפן וועלט האט דאך אלעס אזוי געשיינט און געלאכטן, וואו אויפן וועלט איז עס געווארן אזוי פארהאנקעט אזש די וועלט איז געווארן אזוי פינסטער

**האבן זעלבסט-ווערד איז ממש די ערשטע יסוד וואס עס פעלט זיך אויס פאר א מענטש ער זאל קענען זיין א מענטש צווישן מענטשן.**



# פארבעסערן די זעלבסט-ווערד

**נידריגע זעלבסט ווערדע איז א ריזן שטער אין לעבן, לאמיר דא איבערגיין און קורצן וויאזוי מ׳קען פארבעסערן די זעלבסט ווערדע**

מיר קענען גוט די מאמר חז"ל 'חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם', וועלכע טוט ארויסהייבן די וויכטיגקייט פון גלייבן אין זיך אליין, און וויסן אז די גאנצע וועלט איז ווערד צו באשאפן ווערן בלויז פאר מיר. נאכמער ווי דעם ברענגט עס ארויס די חשיבות וואס דער מענטש האט כלפי די וועלט, ווי צו זאגן אז אויב די וועלט איז טאקע באשאפן געווארן פאר אים, מיינט עס אז ער איז דער וואס קען מאכן די וועלט פאר א בעסערע פלאץ.

די ספרי חסידות זענען אנגעפילט מיט גאנצע שטיקער, וואס טוען אלע ארויסהייבן די וויכטיגקייט פון אנערקענען אין זיך אליין, און גלייבן אין די אייגענע כוחות, ווייל נאר אזוי קען מען האבן די שטארקייט זיך אריינצוטון אין עבודת השם.

ווען איינער טראגט זיך ארום מיט מחשבות וועלכע שאצן אים אונטער, און זאגן אז מ׳איז נישט ווערד, ווערט עס אויטאמאטיש אוועקגענומען די אחריות, אויב קען מען במילא גארנישט איז דאך ממש אומזיסט זיך צו מוטשענען.

האבן זעלבסט-ווערד איז ממש די ערשטע יסוד וואס עס פעלט זיך אויס פאר א מענטש ער זאל קענען זיין א מענטש צווישן מענטשן, און בכלל זיין א מענטש פאר זיך אליין, וויסן וואס מ׳וויל, און וויסן וואס מ׳וויל נישט אא"וו.

### וואס איז נידריגע זעלבסט-ווערד?

נידריגע זעלבסט-ווערד איז א טיפע אינערליכע שטימע, וועלכע רעדט נעגאטיוו איבער זיך אליין, עס לייגט אראפ א שווארצע בילד איבער די אייגענע מציאות, און זאגט פאר זיך אליין אז מ׳איז דורכגעפאלן, און מ׳איז נישט ווערד צו באקומען קיין גוטס אויפן וועלט.

די טיפע שווערע שטימע אין זיך רעדט איין דעם מענטש אז ער איז נישט ווערד גארנישט, און אז ער טויג צו גארנישט. צוליב וואס די געפיל איז אזוי שטארק, וועט זיך עס שפירן ווי דאס איז דער אמת און רעאליטעט, עס וועט מיט די יארן ווערן די מציאות מיט וואס דער מענטש באטראכט זיך, און וועט אויסקלאפן אויף טריט און שריט

עס וועט מאכן אז מ׳זאל אנהייבן רעאגירן געטריבן דורך געפיל, דאס הייסט אז דער ליידנדער וועט אנהייבן צייגן שוואכקייט ווען ער קומט אין בארירונג מיט



מען אן מיט איין מהלך און מ'זעט אז עס גייט נישט, וועט מען טוישן צו א צווייטע מהלך, ביזן טרעפן די ריכטיגע וועג מיט וואס צו קענען היילן די גייסטישע געזונט אויפן בעסטן און שענסטן פארנעם בס"ד.



## די וויכטיגקייט פון רעדן פון מענטל העלט

עס גלייבט זיך אז בשעת'ן ליינען די שורות וועלן מאנכע קלערן, וואס איז דען וויכטיג צו רעדן פון די נושא, פארוואס איז נישט גענוג אז ווען א מענטש האט שוועריגקייטן זאל ער זיך גיין העלפן, פארוואס דארף יעצט יעדער וויסן און ליינען איבער די נושא.

דער אמת איז אבער, אז ס'איז גאר וויכטיג פאר יעדעם צו האבן אן אויבערפלעכליכע ווייסנשאפט איבער די פעלד פון מענטל העלט, ס'איז קריטיש וויכטיג צו פארשטיין אביסל אז ס'זענען דא אזעלכע וואס מוטשענען זיך, און אזוי קען מען ממש ראטעווען לעבנס.

בלויז מיטן פארשטיין אז גייסטישע ליידן איז נישט עפעס וואס מ'קלויבט זיך אליינס, ס'איז א שווערע נסיון וואס א מענטש גייט אריבער, וועט אויטאמאטיש ווערן רעדוצירט די שווערע סטיגמע וואס נעמט ארום די גאנצע פעלד, און עס וועט לייכטער מאכן פאר די וואס ליידן צו גיין בעטן הילף פון די נאנטע בשעת'ן אריבערגיין שוועריגקייטן

בלויז מיטן פארשטיין וועט מען קענען געבן מיטגעפיל פאר די וואס ליידן, לאמיר זיך נישט נארן, די ציפערן פון מענטשן וואס ליידן זענען זייער הויך, און פאר כמעט יעדעם קומט אמאל אויס צו אנטרעפן איינער וואס קען נוצן א שטופ צו גיין נעמען הילף, די פאקט אז מ'איז אביסל אויפמערקזאם, און מ'טוט זיך אביסל אריין אין די ווייטאג וואס אנדערע גייען אריבער, גיבט אויטאמאטיש אן אויער צו אויסהערן די אידן, און עס וועט עפענען די טויערן.

די אויסטערלישע תועלת פון געבן סופארט און מיטגעפיל איז פילפאכיג, עס ברענגט אז די וואס ליידן זאלן זיך גיין העלפן פריצייטיג, און נישטווארטן ביז ווען דער מצב איז שוין זייער שווער.

עס ברענגט אז די ליידנדע זאלן זיך קענען שנעלער ערהוילן, וואס ווי געשמועסט איז סופארט איינע פון די שטערקסטע פונדאמענטן ווען עס קומט זיך צו היילן בס"ד. ■

הויעד איך בין און וואו וועל איך אנקומען, פון אן אויסערליכע בליק איז עס צעטיילט אין עטליכע הויפט קאטעגאריעס, וואס פון דארט גייט עס אריין אין מערערע אפצווייגן און מערערע מעטאדן, וואס יעדע סארט מהלך וועט זיין אפעקטירבאר פאר אנדערע מענטשן און פאר אנדערע שוועריגקייטן.

## דער מהלך פון טעראפי

ס'איז זייער שווער צו ליידן אויף די אייגענע הויט איינער אליינס, ס'איז זייער שווער צו קענען אנקוקן די אייגענע לעבן מיט אן אויפריכטיגע בליק, ס'איז זייער שווער צוצוקומען צו די ריכטיגע מסקנות אן האבן א קלוגער איד מיט וועמען זיך דורכצורעדן.

טעראפי נעמט אריין אסאך אין זיך, אבער די שפיץ נקודה דערפון איז צו רעדן מיט א קלוגער ערפארענער געלערנטער מענטש, וועלכער זאל העלפן איבערגיין מחשבות און געפילן, און אזוי אנהייבן פארשטיין וויאזוי די לעבן האט געברענגט געוויסע בלאקירונגען און גייסטישע שוועריגקייטן.

דער טעראפיסט וועט שוין האבן די אויפגאבע צו טרעפן די ריכטיגע מעטאדן וואס האט זיך אויסגעשטעלט צו זיין אפעקטיוו אין אזעלכע סארט פעלער, פאר דער מענטש וועלכער ליידט בלייבט נאר איבער אריינצורופן דעם טעראפיסט, און אנהייבן ארבעטן צו פארבעסערן די גייסטישע געזונט בס"ד.

## מעדיצינען

אין צייטן וואס טעראפי וועט נישט העלפן גענוג, וועט א פסיכיאטאר נוצן די געוואלדיגע כח וואס ליגט אין די מערערע סארט מעדיצינען מיט וואס צו פארבעסערן די גייסטישע געזונט, אזוי וועט מען נוצן די וואונדער פון די מעדיצינען, אינאיינעם מיט די קלארקייט וואס דער טעראפיסט ברענגט צום טיש, און אזוי וועט מען בס"ד אנקומען צו גייסטישע געזונט.

## טויש אין מהלך החיים

זייער אסאך מאל קענען שוועריגקייטן שטאמען פון נאכלאזן וויכטיגע באדערפענישן אין לעבן. צו פארבעסערן דאס לעבן וועט זיך פארלאנגען צו אבזערווירן די טאג-טעגליכע מהלך החיים, און זען אויב מ'שלאפט גענוג, אויב מ'עסט געזונט, די פיזישע באדערפענישן וואס די קערפער פארלאנגט איז גאר א שטארקע פאקטאר צו די גייסטישע געזונט.

## זיין ארומגענומען מיט ווארעמע סופארט

אין לויף פון די פראצעדור צו היילן די גייסטישע שוועריגקייטן, איז קריטיש וויכטיג צו זיין ארומגענומען מיט גוטע סופארט, מענטשן וועלכע זענען אליין אריבער ענליכע שוועריגקייטן, און פארשטייען די ווייטאג פון מיטמאכן אזעלכע סארט שוועריגקייטן, אזוי וועט דער ליידנדער באקומען די שטופ זיך צו ריקן פאראויס און מאכן פארשריט אין לעבן.

בלויז צו זיין ארומגענומען מיט מענטשן וואס פארשטייען די שוועריגקייט איז שוין א ישועה גדולה, עס נעמט אוועק די שלעכטע געפיל פון זיך אליינס באשולדיגן אויף די שוועריגקייטן, און עס גיבט די וויזיע ארויסצוקוקן פאר א וועג ארויס פון די שווערע קלעם.

דאס איז אויפן שפיץ גאפל צו באריכן א ברייטע ספעקטרום פון אזויפיל סארטן מהלכים מיט וואס זיך צו קענען היילן, אמאל הייבט

> **"**
> **אפילו ווען טיף אינערליך שפירט מען ליידיג און צעבראכן, וועט מען עס קענען פארשלייערן, אוועקקוקן דערפון, זיך פארהוילן פון די ווירקליכקייט, און לעבן אין דינייעל.**

איבערגעקלערטע שריט, און אזוי וועט מען זיך חלילה טרעפן אין א פלאנטער פון שווערקייטן וואס איז נגרם געווארן דורך די אלגעמיינע שווערקייט פון נישט קענען קאנצענטרירן, און לייגן א קלארע געוויכט אין לעבן צו וואס מ'וויל יא אדער נישט, צו וויסן וויאזוי אוועקצושטעלן די לעבן מיט אלע פרטים.

## טראומע

דאס געשעט ווען עס גייט אריבער אויף איינעם שאקירנדע מאמענטן, גרעסער פון וואס די מח קען דערהייבן, די מח וועט אריינגעמען די סיטואציע מיט א רויע פארשטאנד, און עס וועט אנזייען א כאאטישע צושטאנד, עס וועט זיך כסדר איבערשפילן נאכאמאל און נאכאמאל, און מ'קען זיך ארומדרייען דערמיט לאנגע יארן און חלילה ליידן דערפון.

די שווערע קרענק קען אויסקלאפן אויף די פראדוקטיוויטעט פונעם טאג אויף מערערע פראנטן, און דעריבער איז זייער וויכטיג דאס צו באהאנדלען.

## סקיצעפאריניע

דאס איז שוין מער א שווערערע קרענק, וואס טוט אפעקטירן וויאזוי דער מענטש טראכט, עס קען חלילה אויך אפעקטירן די חושים פון דעם מענטש, ביזן קענען אנהייבן זען, הערן אדער פילן, עפעס וואס איז בלויז א פאנטאזיע. א מענטש וואס איז חלילה געשלאגן מיט דעם, וועט זיך געפינען אין א שווערע צושטאנד, ער וועט שפירן איינער אליינס, און ער וועט נישט קענען פארשטיין פארוואס ער איז דער אייגציגסטער מענטש אין בית מדרש וואס שפירט וויאזוי ער שפירט, ער וועט ממש נישט קענען רילעיטן צו קיינעם, און אין געוויסע פעלער קען עס זיין ממש מסוכן חלילה.

## פון וואו שטאמט די קרענק?

פארשער האבן שוין זייער אסאך געגישטעטערט און געזוכט צו פארשטיין פון וואו עס שטאמען די קרענק וואס באטרעפן איינעם יא און איינעם נישט, דאס הייסט אז עס קענען זיין צוויי מענטשן וועלכע האבן געהאט ענליכע לעבנס ערפארונג, און איינער וועט באטראפן ווערן פון גייסטישע שווערקייטן, אין די צייט וואס דער צווייטער וועט אריבערשווימען און ארויסקומען גאנץ.

מערסטנס פארשער זענען ביי דער מיינונג, אז גייסטישע קרענק איז א רעזולטאט פון א צוזאמשטעל, עס ציט שטריכן צו געוויסע פאסירונגען אין לעבן וועלכע טוען אפעקטירן געוויסע סארט מענטשן, דאס הייסט אז ס'איז סיי דער מענטש, און סיי די געשעענישן אין לעבן.

די שווערקייטן קענען שטאמען פון שווערע טראומאטישע געשעענישן, חלילה פיינפולע פארלוסטן, ווי ווען נאנטע גייען פון דער וועלט רח"ל, שווערקייטן פון אריבערגיין אביוז און פייניגונג, ווי אויך קען עס שטאמען פון זיין אויסגעשטעלט צו סטרעס פאר א לאנגע צייט.

ס'איז וויכטיג צו באטאנען, אז נישט אייביג וועט א גייסטישע קרענק שטאמען פון גייסטישע שווערקייטן. פיזישע קרענק אדער פיזישע איבערשטרענגונג קען אויך האבן א נעגאטיווע ווירקונג אויף די אלגעמיינע גייסטישע צושטאנד. פסיכיאטער וועלן אויך אריינקוקן צו זען אויב עס האנדלט זיך נישט פון כראנישע מחלות חלילה או"וו.

## א וועלט פון באהאנדלונגען

די וועלט פון היילן גייסטישע שווערקייטן איז זייער פארצווייגט און נעמט אריין אסאך אין זיך, ס'איז אמאל שווער צו אנהייבן קלערן ווי

> וווען מ'זעט אז עפעס איז נישט אין ארדענונג, זאבן קלאפן נישט, אנשטאט זיצן מיט פרידן, איז מען איינגעהילט אין שווערע פחדים און זארג,, איז צייט צו נעמען שריט און זיך היילן פון די שטיינער וואס בלאקירן די וועג פאראויס.

געוויסע אביעקט, מיט א געוויסער מענטש צי א געוויסע צייט אא"וו, געוויסע ווערן האבן סאושעל פאביעס, אנדערע ווערן האבן פאביעס ביים פליען אינדערהייעך, און אזוי וועט עס אויסקלאפן ביי יעדעם אויף אנדערע ווינקלען.



### או.סי.די. (OCD)

או.סי.די. איז ווען איינער הייבט אן ארויסברענגען גאר אבסעסיווע מחשבות וועלכע זיצן אין מח און האמערן, די מחשבות איבער ספעציפישע איינגעלעגנהייטן לאזן נישט נאך, און טוען פאדערן צו אונטערנעמען קאמפאלסיווע שריט, אזוי לאנג ווי דער מענטש וועט נישט טון וואס די מחשבות פארלאנגען פון אים וועט ער נישט שפירן בארואיגט פון די אנגעצויגנקייט וואס די אבסעסיוו מחשבות ברענגען. עס קען אויסקלאפן אין אידישקייט נושאים און בכלל אין סיי וועלכע נושא.

### בייפאולער

דאס איז ווען די גייסט פונעם מענטש איז זייער וואקלדיג און נישט סטאביל, איין טאג קען מען אויפשטיין אינדערפרי און זיין מיט די פולסטע מאס ענערגיע, פלוצלינג שפירט מען ווי די באלאן האט געקראכט, און מ'לויפט אויס פון ברענשטאף, אויף אזוי ווייט אז מ'הייבט אן שפירן דעפרעסט און מ'וויל זיך ארייגלייגן אין בעט.

### אטענשאן דעפעציט הייפעראקטיוויטי דיסארדער ADHD

די דיסארדער איז היפש באקאנט געווארן אין די לעצטערע יארן, עס טוט אונטערשטרייכן א שוועריגקייט פון קענען קאנצענטרירן ווי עס דארף צו זיין, און דאס טוט אויסקלאפן אויף טריט און שריט אין לעבן, עס נעמט אוועק די מעגליכקייט פון קענען נאכגיין סיי וועלכע רוטין אדער סקעדזשול, עס נעמט אוועק די מעגליכקייט פון זיך האלטן צו סיי וואס, עס נעמט אוועק די מעגליכקייט פון קענען אנגיין אין לעבן אויף אן אוועקגעשטעלטע פארנעם.

עס וועט אויך ברענגען צו טון ווילדע נישט



### פארשידענע סארטן גייסטישע שוועריגקייטן

ווען מ'זעט אויף זיך אדער אויף די נאנטע אז עפעס איז נישט אין ארדענונג, זאכן קלאפן נישט, מ'הייבט אן זען אז די טאג איז נישט פראדוקטיוו, און אנשטאט זיצן מיט פרידן, איז מען איינגעהילט אין שווערע פחדים און זארג, וואס נעמט איבער די גאנצע וועזנהייט, איז צייט צו נעמען שריט און זיך היילן פון די שטיינער וואס בלאקירן די וועג פאראויס.

די ערשטע טריט אין ריכטונג פון זיך קענען ערהוילן, איז צו וויסן די גענויע שוועריגקייט וואס שטייט אין וועג. דער פסיכיאטאר/טעראפיסט וועט אריינקוקן טיפער אין לעבן, צו טרעפן די פונקטליכע שוועריגקייט וואס פלאגט אזוי אין לעבן. די שווערע סימפטאמען קענען זיין אין רעזולטאט פון פארשידענע גייסטישע קרענק, פאלגנד רעכענען מיר אויס עטליכע סארט שוועריגקייטן.

### דעפרעסיע

ווען א מענטש שפירט אויסגעשלאסן און הילפסלאז, ער שפירט ערשעפט, און ער קען זיך נישט זען הנאה האבן פון סיי וואס אויפן וועלט, אין מער אויסטערלישע פעלער וועט עס אפילו מאכן שווער ארויסצוקריכן פון בעט, און וועט חלילה צוברענגען אז מ'זאל פארלירן די גאנצע אחריות זיך צו אפגעבן מיט די אייגענע לעבן און מיט די לעבן פון די נאנטע. זעה מער שפעטער אין א לענגערע אפהאנדלונג איבער די טעמע.

### ענקזייעטי

דאס איז ווען מ'שפירט זייער אנגעצויגן און נישט רואיג, עס קען ברענגען דעם מענטש צו זיין אין אן אנגעצויגענע מצב, פון אינדערפרי ביז אויף דער נאכט, אפילו ווען אין די ווירקליכקייט איז אלעס העכסט בסדר, עס ברענגט אז מ'זאל די גאנצע טאג זיין אויף הויכע אלערט צו אויסמיידן סיי וועלכע שוועריגקייטן. פיזיש וועט עס אויך קענען מאכן אז מ'זאל שוויצן און אטעמען שנעל. זעה מער שפעטער אין א לענגערע אפהאנדלונג איבער די טעמע.

### פאביעס

איז איינע פון די פארשפרייטע סארט ענקזייעטיס, וועלכע טוט ערוועקן שווערע פחדים און זארג ביים זיך אנטרעפן מיט א

# די אפטײטש פון גײסטישע קרענק

(MENTAL ILLNESS)

ס'איז אונז שוין גענוג פארשטענדליך די וויכטיגקייט פון האבן א געזונטע באלאנסירטע נפש, אין זייער אסאך פעלער פארלאנגט זיך בלויז אביסל קלארקייט און א פארשטאנד וויאזוי צו צוגיין צום לעבן, ס'איז אבער דא אמאל ווען מ'טאפט א וואנט און מ'שפירט זיך פארלוירן, מ'הייבט אן באגרייפן אז מ'רעדט נישט בלויז פון א שוואכקייט נאר פון עפעס טיפער וואס קען שוין ענדערש ווערן באצייכנט ווי א קרענק.

לאמיר אין די קומענדיגע בלעטער אויסשמועסן און פארשטיין טיפער, ווען א מענטש קען וויסן אז ער ליידט אויף א גייסטישע קרענק און ער דארף גיין זוכן הילף.

גייסטישע קרענק איז א ברייטע קאטעגאריע, וואס קען ארייננעמען אזויפיל סארטן דיסארדערס, אבער די צד השוה פון זיי אלע איז, אז עס שטערט די גייסטישע צושטאנד פון דער ליידנדער, עס לאזט נישט אנגיין מיט די טעגליכע רוטין, און עס שטערט פון קענען האבן א פראדוקטיווע לעבן.

אינ'אמת'ן ווייסט א מענטש גאנץ גוט אויב ער איז בסדר אדער נישט, אבער אפילו ווען טיף אינערליך שפירט מען ליידיג און צעבראכן, וועט מען עס קענען פארשלייערן, אוועקקוקן דערפון, זיך פארהוילן פון די ווירקליכקייט, און לעבן אין דינייעל.

מ'דארף זיך באמת אנקוקן אביעקטיוו, און זיך גוט אפלערנען ארויסצוהאבן וואו מ'האלט אויפן וועלט. ס'איז גוט צו קוקן אויף עטליכע בעיסיק סיינס און סימפטאמען, וואס קענען קומען אין רעזולטאט פון ליידן אויף א גייסטישע קרענק.

לאמיר איבערגיין א ליסטע פון עטליכע צייכענעס וועלכע שטרייכט אונטער אז עפעס איז נישט פויגלדיג, עס דארף אנצינדן א רויטע לעמפל, און רופן זיך צו גיין אונטערזוכן ביי א מומחה, וואס זאל אפשאצן אויב ס'איז נישט דא סיי וועלכע אינטערליגנדע מיחוש, וועלכע קען פארלאנגען צו ווערן באהאנדלט מיט פארשידענע סארט מיטלען.

- זיין טרויעריג פאר א לענגערע תקופה.
- זיך ארומטראגן מיט שווערע פחד און זארג.
- די געמוט איז נישט באלאנסירט, און טאנצט פון איין זייט ספעקטרום ביזן צווייטן.
- נישט אנטיילנעמען ביי געשמאקע צוזאמקומען און פארברענגען.
- שטענדיג זיין מיד און ערשעפט.
- שלאפן צו וויניג אדער צו סאך.
- צעמישטע מחשבות, אדער שוועריגקייטן זיך צו קאנצענטרירן.
- מחשבות זיך אליינס צו שעדיגן רח"ל.

ווען א מענטש זעט אז ער אדער די נאנטע ליידן אויף איינס אדער עטליכע פון די פריער אויסגערעכנטע צייכענעס, איז וויכטיג צו זיין אויפריכטיג און אחריות'דיג, און גיין זוכן פאר הילף.

פארשטייט זיך אז דאס איז בלויז מיט די מטרה צו ברענגען קלארקייט, עס מיינט נישט אז יעדעס מאל וואס איינער שלאפט צו סאך דארף ער שוין ווערן באזארגט אז ער ליידט אויף עפעס, אבער ס'איז וויכטיג זיך נישט אליין צו נארן.

אין די זעלבע צייט איז דא נאך אסאך וועגן וויאזוי א מענטש קען זען אז זאכן זענען נישט בסדר, דער מענטש אליינס ווייסט די בעסטע ווי שווער עס קומט אים אן צו שלעפן א טאג אין זיין לעבן, די עכטע שליסל איז צו זיין אפן מיט זיך אליינס, און אין די צייט וואס מ'שפירט אז עפעס קלאפט נישט זאל מען גיין זוכן הילף.



ס'איז ווייט נישט קיין לייכטע אונטערנעמונג צו גיין זוכן הילף, און דארפן אנהייבן רעדן פון אייגענע שוועריגקייטן פון וואס מ'האט נאך קיינמאל נישט גערעדט, אבער אין די זעלבע צייט איז וויכטיג צו געדענקען אז די שוועריגקייטן קענען באטרעפן יעדעם איינעם, און מ'איז גארנישט שולדיג אז די שוועריגקייטן האבן אים באטראפן.

### טעראפי איז נישט בלויז פאר קריטישע פעלער

ס'איז וויכטיג צו וויסן, אז גייסטישע הילף איז נישט בלויז באשאפן געווארן פאר אויסטערלישע פעלער ווען מענטשן זענען ערנסט נישט אין פלאץ, נאר אויב עפעס איז עס פונקט פארקערט, גייסטישע הילף איז אסאך מער אפעקטיוו פאר לייכטע שוועריגקייטן.

כדי צו גיין צו טעראפי מוז מען נישט האבן קיין לאנגע דיאגנאזן מיטן ביכל פון מיטמאכענישן, א מענטש איז בלויז א מענטש, און מ'דארף אמאל האבן א פרעמדער מענטש מיט וועמען זיך אויסצושמועסן און אזוי באקומען קלארקייט אין לעבן.

וויפיל מאל מאכט זיך אין די טעראפי צימער וואו מענטשן קומען אריין נאכן שלעפן די לעבן אליינס פאר לאנגע יארן, שטעלט זיך ארויס אז זאכן וואס האבן אויסגעקוקט ווי א ריזן בארג, איז מיטאמאל געווארן א בלויזע שטיינדל וואס מ'קען לייכטערהייט אריבערגיין.

טעראפי איז אויסדריקליך א גוטע הילפס מיטל נישט בלויז פאר אויסטערלישע פעלער, און עס קענען בענעפיטירן דערפון אזויפיל מענטשן וועלכע מיינען אז טעראפי איז נישט געמאכט פאר זיי.

ס'איז ממש א שאד צו בלייבן מיט די שוועריגקייט פאר די גאנצע לעבן, ס'איז אסאך קלוגער צ ארבעטן אויף זיך און צוביסלעך ארויסקריכן פון די פלאנטער, גרויס צו קליין. ■

> צו קענען זאגן צו זיך אליינס 'איך האב שוועריגקייטן וואס דארף הילף', איז די שטערקסטע גבורת הנפש.



נישט קיין מינאריטעט.

די גרעסטע און מערסט געלונגענסטע מענטשן האבן געהאט צייטן ווען זיי זענען אריבער שוועריגקייטן, און זענען זיך געגאנגען העלפן, קען זיין אז זיי שרייבן עס נישט ארויס אויפן פראפייל, אבער ס'איז ווייט נישט קיין סוד.

## ס'איז שווער אליינס צו שלעפן

אפילו נאכוואס א מענטש וועט צוקומען צו די אנערקענונג אז ער ליידט אויף געוויסע שוועריגקייטן, ער קען נישט נעמען קיין סטרעס, ער גייט צו שנעל ארויס פון קאנטראל, ער קאנטראלירט צופיל די ארומיגע, צי ער ליידט אויף א שטיקל דעפרעסיע אא"וו, וועט זיך דער מענטש אויפבויען א פאנטאזיע אין קאפ, אז ער וועט אפמאכן איינמאל פאר אלעמאל צו מסדר זיין די זאך, און עס וועט ווערן מסודר פון היינט און ווייטער.

איי נעכטן איז שוין געווען אן ענליכע קבלה און ס'האט זיך נישט געריקט ווייטער, אבער דאס איז אים לייכטער צו קלערן, דעריבער וועט ער קלויבן צו בלייבן קלערן אז ער וועט קענען אליינס לעזן די שוועריגקייטן.

עס קען זיין אז אין געוויסע לייכטע פעלער וועט מען זיך אליינס קענען העלפן, עס קען אמאל זיין אז בלויז מיטן ליינען גוטע גיידענס אדער הערן א גוטע לעקציע וועט מען קענען טוישן זאכן אין לעבן וואס וועט פירן צו א בעסערע צושטאנד.

אבער אין זייער אסאך פעלער איז דאס נישט די מציאות, און עס וועט זיך יא פארלאנגען צו גיין טרעפן הילף מיט וואס צו קענען צוביסלעך ארויסקריכן פון די שוועריגקייטן וואס נעמען ארום.



גייסטישע וועלט, מ'מוז נישט זיין ערנסט קראנק צו גיין זוכן הילף.

עס לאזט זיך זאגן אז די פראצענט פון מענטשן וואס מוטשען זיך אויף קלענערע גייסטישע אישוס, אויף קורצע אדער לענגערע טערמינען, זענען אסאך העכער ווי פינף און צוואנציג פראצענט, ווער ווייסט אויב עס דערגרייכט נישט קרוב צו הונדערט פראצענט...

נישט צו זאגן אז יעדער ליידט אויף ערנסטע שוועריגקייטן, אבער יעדער קען אמאל נוצן עצה ותושיה צו וויסן וויאזוי זיך צו ריקן פאראויס אין לעבן און נישט בלייבן שטעקן.

אין אנדערע ווערטער, די שאלה איז נישט צי מ'ליידט אדער נישט, די שאלה איז צי מ'וויל אנערקענען דערין אדער נישט, אבער יעדער דארף אמאל צוקומען צו זייטיגע גייסטישע הילף, צו קענען מאכן די קומענדיגע טריט אין לעבן.

## גייסטישע שוועריגקייטן צייגן נישט שוואכקייט

ס'איז נישט לייכט צו אנערקענען אין שוועריגקייטן, ס'איז אסאך לייכטער צו בלייבן זיצן אויפן בענקל און זיך איינרעדן אז אלעס איז מסודר, אבער ווען מ'קוקט אריין טיפער וועט מען זען אז די עכטע צוריקהאלט פארוואס א מענטש וויל נישט אנערקענען אין שוועריגקייטן קומט צוליב וואס עס מאכט אים שפירן ווי א דורכפאל.

די נאראטיוו זאגט אים אז גייסטישע פלאגעניש איז א צייכן אויף שוואכקייטן, און ער וויל נישט אריינגיין אין די קאטעגאריע פון שוואכע דורכגעפאלענע מענטשן, ער וויל ענדערש אויסקוקן ווי א גוט געלונגענער מענטש, דאס וועט אים שטופן צו נעמען א צוגאנג פון טראכטן צו לאזן אלעס לויפן, מיט די איינרעדעניש אז אלעס וועט זיך שטעלן אין פלאץ פון זיך אליינס.

אבער צו זיין אויפריכטיג, איז דער אמת פונקט פארקערט, צו קענען זאגן צו זיך אליינס 'איך האב שוועריגקייטן וואס דארף הילף', איז די שטערקסטע גבורת הנפש, עס טוט נישט צייגן שוואכקייט, נאר פונקט דאס פארקערט.

אפגערעדט אז נאכן צוקומען צו די ציפערן, אז אזויפיל ווי 25 פראצענט מענטשן קומען יערליך באהאנדלען גייסטישע שוועריגקייטן, איז דאך די רעדע ממש פון ריזן פראצענטן, וואס איז בכלל

# איר זענט נישט אליינס

## מיליאנען מענטשן ליידן און מיליאנען מענטשן ווערן געהאלפן

ווען מ'הייבט אן אביסל ארייננבליקן אין סטאטיסטיקס איבער דער וועלט צו פארשטיין די פארצווייגטקייט פון די וועלט פון מענטל העלט, ווערט מען ערשטוינט צו זען ווי א מאסשטאבליכע ריזן פראצענט מענטשן איבער דער וועלט שלעפן זיך ארום מיט מענטל העלט שוועריגקייטן. עס ווערט געשאצט אז אזויפיל ווי פינף און צוואנציג פראצענט מענטשן איבער דער וועלט פלאגן זיך מיט גייסטישע שוועריגקייטן.

ס'איז אבער וויכטיג צו אנמערקן, אז דער ציפער 25' פראצענט' איז געבויט נאר אויף פעלער וואס די אנאליסטן האבן געקענט האבן צוטריט, דאס הייסט אז דער מענטש האט געריעדט פון זיין שוועריגקייט - אזוי לאנג ווי דער מענטש זיצט מיט א פארמאכטע מויל וועט ער נישט אריינגיין אין די סטאטיסטיקס, אויסער אויב דער מצב איז שוין אזוי אומדערטרעגליך אז די ארומיגע האלטן שוין מיט, דאס הייסט אז די נומער איז אינ'אמת'ן אסאך העכער.

בכלל דארף מען נעמען אין באטראכט, מיליאנען מענטשן האבן שוועריגקייטן אבער זיי גייען צו הילף און ווערן געהאלפן, דאס הייסט אז ווען מ'קוקט אויף די ציפער פון פינף און צוואנציג פראצענט, רעדט מען פון אפענע פעלער, די רעדע איז פון אזעלכע וואס זענען יעצט אין א מצב וואס זיי גייען פאר הילף, און זענען נאך אינמיטן די פראצעדור פון זיך היילן.

עס איז אבער דא א ריזן פראצענט וועלכע זענען שוין געהאלפן געווארן, און זענען מער נישט אויף די ליסטע צו ווערן אריינגערעכנט צווישן די וואס ליידן אויף גייסטישע שוועריגקייטן

אמאל האט מען געמיינט אז צו ווערן אריינגערעכנט צווישן די מענטשן אויף וועמען מ'קען זאגן אז זיי מוטשען זיך גייסטיש, דארף מען זיין אין גאר אן ענגע מצב, שפאצירן אויף צוריק, און רעדן צו זיך אליינס.

אבער ווען מ'קוקט אויפריכטיג, וועט מען פארשטיין אז אזוי־ווי ווען עס קומט צו די פיזישע וועלט, מוז מען נישט חלילה זיין ערנסט קראנק צו פארשטיין אז מ'דארף אמאל גיין באזוכן א דאקטער, מ'קען ליידן אויף מערערע אישוס אפילו ווען מ'איז נישט ערנסט קראנק, אזוי אויך איז אין די

> פינף און צוואנציג פראצענט מענטשן איבער דער וועלט פלאגן זיך מיט גייסטישע שוועריגקייטן.

פילן, עס טוט אפעקטירן וויאזוי א מענטש זאל טראכטן, עס טוט אפעקטירן וויאזוי א מענטשן זאל קליקן מיט אנדערע, עס טוט אפעקטירן די געמוט פון דעם מענטש, און עס טוט אויך קאנטראלירן דעם מענטש צי ער זאל יא אדער נישט קענען איבערקומען שוועריגקייטן אין לעבן.

אין פארגלייך צו די פיזישע וועלט, וועט די פיזישע קערפער זיין די געבוי און ריקן-ביין וואס וועט זיין די עקזיסטירונג פונעם מענטש, די זעלביגע איז מענטל-העלט די גייסטישע ציגל, מיט וואס עס ווערט געבויט דאס לעבן און שאפן פון דעם מענטש.

ס'איז ווי א גייסטישע קערפער וואס מ'קען נישט זען, עס פארמאגט נישט קיין אויסערליכע צורה וואס זאל עס צייגן אין פנים, עס טוט אבער יא שפילן א באדייטפולע טייל אויף טריט און שריט פון לעבן, און דאס מאכט דעם מענטש פאר א מענטש. אין אנדערע ווערטער, מענטל העלט איז דער מענטש, אן קיין מענטאלע געזונט איז נישט דא קיין מענטש צום טייל.

מצליח זיין - א מענטש מיט א געזעצטע געזונט צושטאנד, וועט בעזר השם האבן הצלחה אין די פרטיות'דיגע לעבן, עס וועט אים ערפילן די ליידיגקייט אין הארץ, און עס וועט אים געבן ווייטערדיגע ברענשטאף אין הארצן מיט וואס אנצוגיין אין לעבן. ער וועט קענען האנדלען מיט פארמעסטונגען אין לעבן, און נישט ווערן אפגעשראקן פון סטרעספולע טעג וועלכע קומען אונטער אין לעבן.

פיזישע געזונט - ס'איז ווערד נאכצובערענגען, אז מיר רעדן טאקע פון די גייסטישע צושטאנד אין לעבן, אבער ס'האט אויך א דירעקטע השפעה אויף די פיזישע צושטאנד, ס'איז שוין היינט פעסטגעשטעלט, אז די גייסטישע און פיזישע לעבן זענען דירעקט פארבינדן, און א מענטש וואס לעבט מיט א געזונטע באלאנסירטע גייסט האט אסאך מער שאנסן צו קענען אויסמיידן מחלות רח"ל

ווען א מענטש איז חלילה דעפרעסט, האט ער אסאך גרעסערע שאנסן צו ווערן אנגעשטעקט פון ערנסטע קרענק רח"ל.

גוטע באציאונגען - דער מענטש לעבט נישט אליינס אויפן וועלט, די הצלחה אין לעבן איז אויך זייער שטארק אנגעוויזן אין די באציאונגען מיט אנדערע, זאל עס זיין מיט דעם לעבנ'ס שותף, זאל עס זיין מיט די קינדער, ביזנעס קאלעגעס, און אפילו סתם עמך מענטשן מיט וועם עס קומט אויס צו האבן שייכות.

נאכן פארשטיין די הנחה אז מענטל העלט איז דער סאמע וויכטיגסטע יסוד וואס וועט שפילן א ראלע צי דער מענטש זאל יא אדער נישט האבן בכלליות'דיגע הצלחה אין לעבן, איז איבריג צו באטאנען, אז מענטל העלט דארף זיין די ערשטע עספעקט אין לעבן אויף וואס צו לייגן א הויפט געוויכט, און טון די מערסטע השתדלות צו פארזיכערן אז די גייסטישע געזונט איז אין א סטאבילע גוטע צושטאנד

לויט ווי גוט געזעצט די גייסטישע צושטאנד וועט זיין אוועקגעשטעלט וועט זיך עס זייער שנעל אנזען אויף וויאזוי די ארומיגע רעאגירן, מענטשן קלעבן צו געזונטע נפשות, און מיט זיי זוכט מען צו האבן א שייכות.

דאס איז נאר אויפן שפיץ גאפל. די זעלבע איז מיט יעדע פרט ופרט אין לעבן, אלעס איז שטארק געוואנדן אין די גייסטישע צושטאנד פון דעם מענטש

דאס איז זיכער אז נעמען אחריות אויפן לעבן, און פארזיכערן אז די גייסט איז אין א געזונטע באלאנסירטע צושטאנד, העלפט גאר שטארק ארויס אויף טריט און שריט, עס העלפט ברוחניות ובגשמיות, און עס שטעלט אים אויף די פיס, נישט צו ווערן דערשראקן פון יעדע קליינע שטיינדל אויפן וועג.

אין פאל עס זענען דא שוועריגקייטן, מיינט עס נישט אז מ'איז דורכגעפאלן, ס'איז היינט דא א וועלט פון אזויפיל סארט הילפס מעטאדן און מיטלען, מיט וואס צו היילן אלע ערליי מענטל העלט מוטשעניש. אלעס וואס פארלאנגט זיך איז א רצון צו ווערן זיין געהאלפן, און נאר אזוי קען קומען די ישועה בס"ד. ■

> א איד דארף קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש, ער דארף קענען פירן זיין משפחה, ער דארף קענען אריינברענגען געלט אין שטוב, צו האבן הצלחה אין אלע ענינים פארלאנגט זיך א קלארע קאפ און א סטאבילע נפש.

# א סטאבילע מענטל-העלט

## איז לעבנס וויכטיג פאר א איד

דער חלום פון איד איז האבן א קלארע קאפ און מח מיט וואס צו קענען אנגיין ווי א איד און מצליח זיין אין לעבן, א איד דארף קענען אנגיין מיט די עבודת הקודש, ער דארף קענען פירן זיין משפחה, און דארף קענען אריינברענגען געלט אין שטוב, צו האבן הצלחה אין אלע ענינים פארלאנגט זיך א קלארע קאפ און א סטאבילע נפש.

א מענטש וועט אינוועסטירן צייט און ענערגיע אן קיין שיעור, אלעס מיטן איינעם ציל, 'ער זאל מצליח זיין אין לעבן'. ווער וויל דען נישט אנקומען צו די בעסטע פלאץ וואס איז נאר מעגליך. אזוי לייגט מען אריין קאפ און מח מיטן פרובירן זיך צו ריקן פאראויס טריט נאך טריט.

אנצוקומען צו הצלחה וואס זאל ערפילן דעם מענטשנ'ס חלום, פארלאנגט זיך אסאך הארעוואניע, לעבן נעמט אריין אזויפיל אין זיך, עס פארמאגט אזויפיל זייטן און עספעקטן צו זיך, אייך מינוט איז מען פארנומען מיט די משפחה, זיכער צו מאכן אז דער לעבנ'ס שותף און די קינדערליך זענען פריילך און לוסטיג. א צווייטע מינוט וועט מען זיין פארנומען צו באהאנדלען בילס. א דריטע מינוט וועט מען ווערן פארנומען מיט די ארבעט. אזוי דרייט זיך א גלגל החוזר. דער צד השוה איז, אז טאג און נאכט איז מען פארנומען צו דערגרייכן מער און מער צו קענען אנקומען די וייטסטע אין לעבן.

ווען עס וועט ווערן ארויסקומען א קורס וואס וועט פארשטעלן מיט זיך, אז דורכן הערן אט-דעם קורס וועט מען קענען אנקומען צו הצלחה אין לעבן, וועט עס זייער שנעל ווערן צעכאפט, די ווערטער 'הצלחה אין לעבן' ציט ווי מאגנאט, און ס'איז גאר גאנגבאר, יעדער וויל זיין א טייל פון די הצלחה.

אין א צייט וואס הצלחה אין לעבן איז דער חלום פון יעדעם, קען אבער נישט יעדער זאגן מיט א פולע מויל אז מ'איז שוין אנגעקומען צו דעם טרוים, אזויפיל מענטשן זענען ערגעצוואו שטעקן געבליבן, און ווייסן נישט וויאזוי צו גיין ווייטער.

אין דער צייט וואס עס קענען זיין פארשידענע שטיינער אין וועג, לאזט זיך אן קיין צווייפל זאגן, אז די סאמע וויכטיגסטע זאך וואס פארלאנגט זיך פון א מענטש צו האבן הצלחה איז צו האבן א געזונטע באלאנסירטע 'מענטל-העלט' - די אלגעמיינע גייסטישע צושטאנד וואס מאנעווירט דעם מענטש אויף טריט און שריט.

אין א צייט וואס דער מענטש לייגט אריין אזויפיל פלאג און שוויס, און וויל זיך דערזען מיט הצלחה וואס זאל אים געבן צו שפירן 'ערפילט', איז וויכטיג אריינצוקוקן אין זיך אליין, און פרובירן אפצולערנען און פארשטיין אויב די גייסטישע צושטאנד בליט און שטראלט, אדער איז עס שטעקן געבליבן אין שוועריגקייטן.

### וואס איז דאס טאקע מענטל העלט

גאנצעטע ביכער זענען שוין געשריבן געווארן ארויסצוברענגען אזויפיל פרטים און פרטי פרטים וואס די קאמפליצירטע מענטל העלט שלעפט מיט זיך, אין א געוויסן זין לאזט זיך זאגן, אז ס'איז שוין געווארן אביסל צו קאמפליצירט, און עס קען ברענגען אומפארשטענדליכקייט, דעריבער וועלן מיר אין די קומענדיגע שורות זיך באציען ארויסצוברענגען בכלליות איבער די וויכטיגקייט פון באהאנדלען די גייסטישע געזונט, און איבער גיין זוכן פאר די ריכטיגע הילף, אין א צייט וואס מ'שפירט אז ס'איז שווער אויפן הארצן.

מענטל-העלט איז די אלגעמיינע צושטאנד פון דעם מענטש איבער אלעס ארום און ארום, עס טוט אפעקטירן וויאזוי א מענטש זאל

א סטאבילע מענטל-העלט ו
איר זענט נישט אליינס ח
די אפטייטש פון גייסטישע קרענק יב
פארבעסערן די זעלבסט-ווערד יח
דעפרעסיע כב
ענקזייעטי כד
פינאנץ שוועריקייטן כל
א לעבטיגע אידישע שטוב לא



בס"ד

# עדיטאריעל

מיט שבח והודאה צום אויבערשטן, איז ענדליך אנגעקומען די לאנג-ערווארטעטע מינוט, ווען די לעבנ'ס וויכטיגע אינפארמאטיווע ביכל איבער א רייע מענטל העלט טעמעס איז שוין געגאנגען צום דרוק, און געווארן פארטיילט אין טויזנטער אידישע הייזער.

איידער איר זעצט זיך אראפ אויפן סאפע צו בלעטערן די אינפארמאטיווע בלעטער, לאמיר אייך ערשט געבן א קורצע איבערבליק וואס איר גייט דא אנטרעפן, און מיט וואס איר וועט קענען באריכן אייער וויסנשאפט אויף א פארנעם וואס עס זאל קענען זיין בייהילפיג.

ס'איז ווייט נישט קיין סוד אז 'מענטל העלט' איז א גאנגבארע טעמע וואס גייט נישט אראפ פון טיש, ס'איז א נושא וואס טוט ליידער באטרעפן גאר אסאך פאמיליעס, און עס איז וויכטיג צו באקומען די וויכטיגע אינפארמאציע צו וויסן וויאזוי זיך אומצוגיין.

נאכן זיך דורכרעדן מיט די רבנים וואס באגלייטן אונז אין לויף פון די יארן מיט אלע שווערע שאלות וואס קומען ארויף אויפן טיש, האבן מיר באקומען די אנווייזונגען אז עס וואלט געווען ראטזאם צו ארויסשיקן דעם ביכל וואו עס ווערט אויסגעשמועסט א רייע וויכטיגע טעמעס.

מיר הייבן אן מיט א רייכע אריינפיר, וואס באציט זיך אויף מער אלגעמיינע טעמעס, צו פארשטיין וואס איז די אפטייטש פון דאס ווארט 'מענטל העלט'. פון דארט לאזט מען זיך אריין אין אן אינטערעסאנטע ארטיקל, וואס ברענגט ציפערן וועלכע פארציילן פאקטן, אז א ריזן פראצענט מענטשן פלאגן זיך מיט זייער מענטל העלט, דאס פירט אונז אריין צו די לעצטע אריינפיר ארטיקל, וועלכע גיבט האפענונג, און צייגט אן אז ס'איז ב"ה דא הילף.

פון דארט לאזט מען זיך אריין צו רעדן איבער 'זעלבסט ווירדע', וואס איז גאר וויכטיג פאר דאס וואוילזיין פון א מענטש, און אנדעם איז מען ממש אויסגעשאלטערט פון זיך אליינס.

דערנאך שרייבן מיר וועגן די שווערע 'דעפרעסיע דיסארדער', וואס איז ליידער זייער גאנגבאר, און לעשט ממש אויס אידישע נשמות, עס טוט גורם זיין צו ווערן נאכגעלאזט, און עס טוט אפשטעלן פון יעדע סארט פראדוקטיוויטעט ברוחניות ובגשמיות.

די קומענדיגע ארטיקל רעדט זיך וועגן די אלגעמיינע 'ענקזייעטי דיסארדער', וואס ברענגט אומזיסטע זארג, און טרייבט ארויף אן אלערט אין דעם מענטש פאר נישטיגקייטן, און עס קען צומאל זיין אן ערנסטע שטער פאר דאס וואוילזיין פונעם נפש.

די קומענדיגע טעמע איז איבער די שייכות צווישן 'פינאנץ' און 'מענטל-העלט', דאס אז אזויפיל פלאגן זיך ליידער מיט זייער פינאנץ איז נאך א פאקטאר וואס טוט גורם זיין שוועריגקייטן אין מענטל העלט, און מיר ברענגען גאר נוצליכע טיפס וויאזוי מ'קען זיך שטארקן אפילו אין א צייט וואס די פינאנץ איז נאכנישט אזוי מסודר.

צום שלוס באריירן מיר די וויכטיגקייט פון האבן א געזונטע צוגאנג אין שטוב מיטן לעבנ'ס שותף, מיר לאזן זיך אריין צו פארשטיין געבן וויאזוי עס דארף זיין די צוגאנג ווען זאכן זענען נאכנישט אזוי אוועקגעשטעלט.

איידערן צוענדיגן ווילן מיר באדאנקען די טעראפיסטן וועלכע ארבעטן אין לויף פון די יאר אינאיינעם מיט 'ביקור חולים', און האבן ארויסגעהאלפן צו ברענגען דעם ביכל לאור עולם, ה"ה הרב דוד ווייס הי"ו, הרב יצחק פוזן הי"ו, הרב חיים גרינפעלד הי"ו, הרב שמואל נאה הי"ו און הרב דניאל גלאס הי"ו, נאר דער אויבערשטער קען זיי באצאלן פארן העלפן אזויפיל אידישע נפשות מיט הארץ און נשמה.

מיר בעטן דעם אויבערשטן אז פון דעם ביכל זאל ארויסקומען נאר גוטס, און עס זאל העלפן די אידן וואס פלאגן זיך. ס'איז נאך אודאי דא א וועלט פון וואס צו רעדן, אבער אין אלגעמיין האבן מיר ב"ה די זכיה צו ברענגען א רייע רייכע אינפארמאציע איבער אזעלכע קריטישע טעמעס וואס טוט אפעקטירן די לעבנס פון אזויפיל, און מיר האפן אז איר וועט ארויסנעמען זאכליכע אינפארמאציע.

פאר סיי וועלכע קאמענטארן איבער די יעצטיגע אויסגאבע, אדער איבער וואס איר וואלט געוואלט זען אין די קומענדיגע אויסגאבעס בס"ד, ביטע שיקן אן אימעיל צו headsup@bikurcholim.co.uk אדער רופט אריין 020 8800 7575 עקסט. 218 און לאזט איבער א מעסעדזש.

**בן ציון יצחק ריגער**

**רב המוסד**
הגאון רבי זאב פעלדמן שליט"א

**Clinical Lead**
דר ג. טילר

**Emotional Health Service Manager**
מרת ה. שעהר

**Therapy Service Managers**
ר' ב. ריגער
מרת ר. גליק

**Clinical Supervisors**
דר ב. ראק
דר מ. קגן
דר ל. שאסטק
דר ש. סולומון

**Therapists**
ר' ד. גלאס
ר' ח. גרינפעלד
ר' ש. נאה
ר' י. פוזן
ר' ד. ווייס
מרת ר. גלאט
דר מ. קגן
מרת ח. קאמפף
מרת נ. לנדאו
מרת א. ראזענבערג
מרת א. סנדלר
מרת מ. זוננברג
מרת ה. שלעזינגער
דר ש. סולומון
מרת א. סטורגס

בס"ד

# נפשותינו

היימישער אויסגאבע צו ברענגען א "מענטל-העלט" אויפוואַכונג



## די אפטייטש פון גייסטישע קרענק

## פארבעסערן די זעלבסט-ווערד

## דעפרעסיע מיינט נישט בלויז טרויער

## ענקזייעטי איז א מענטשליכע נאטור

## פינאנץ שוועריקייטן

ביקור חולים
ד'סאטמאר לאנדאן

טבת תשפ"ה · גליון 2